STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04519

A PROGRAM FARN KIEM FUN IDISHN FOLK

Alex Bittelman

Permanent preservation of this book was made possible
by Dorothy Urman
in honor of
Bob, David, Suli, Michael, Danny & Hayley

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ פּראָגראַם פאַרן קיום פון אידישן פאָלק

די קאָמוניסטישע שטעלונג אין דער אידישער פראַגע

פון

אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן-פרייהייט“ אַסאָסיאיישאָן
35 איסט 12טע גאַס ניו-יאָרק 3, נ. י.
Published by the MORNING FREIHEIT ASSOCIATION
35 East 12th St., New York 3, N. Y.

וועגן דעם מחבר

אין דעם פּאַמפּלעט געפינט זיך דער פולער טעקסט פון דעם באַריכט, וואָס אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן האָט געגעבן ביי אַ ספּעציעלער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם 29טן נאָוועמבער, 1946, פאַר דעם צוועק צו דיסקוסירן די אידישע פראַגע.

אין דעם פּאַמפּלעט איז אויך איינגעשלאָסן די רעזאָלוציע וועגן קאָמוניסטישער ארבעט צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן, וואָס די קאָמיסיע איבער נאַציאָנאַלע גרופּן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט אָנגענומען.

דער מחבר פון דעם פּאַמפּלעט איז אַ מיטגליד פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע; דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אַסאָסיאיישאָן און דער רעדאַקטאָר פון דעם מאַרקסיסטישן חודש־זשורנאַל „פּאָליטיקל אַפעירס". אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן האָט אויך אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל פּאַמפּלעטן און בראָשורן, און איז ברייט באַקאַנט אַלס פירער פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע.

אינהאַלט

אַ פּראָגראַם פאַרן קיום, פון אידישן פאָלק: די קאָמוניסטישע שטעלונג אין דער אידישער פראַגע
פון אַלעקסאַנדער ביטעלמאַן 5

קאָמוניסטישע אַרבעט צווישן אַמעריקאַנער אידישע מאַסן —
רעזאָלוציע פון דער נאַציאָנאַלער גרופּן־קאָמיסיע, קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטן 38

אַריינפיר

דאָס איז אונזער ערשטע נאַציאָנאַלע פּאַרטיי־קאָנפערענץ נאָך דער נידערלאַגע פון דעם בראַודעריזם, נאָך דער „עמוירדזשענסי" פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין דעם זומער פון 1945. מיר האָבן פון דעמאָלט־אָן נאָכ־אַנאַנד פאַרבעסערט אונזער אַרבעט, נאָכאַנאַנד באַקעמפט דעם רעוויזיאָ־ניסטישן אָפּאָרטוניזם און די לינקיסטישע סעקטאַנטישקייט און האָבן פאַרשטאַרקט אונזערע פאַרבינדונגען מיט די מאַסן.

דאָס איז די ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, וואָס האָט פאַר זיך אַ פּאַרטיי־רעזאָלוציע, וועלכע צייכנט־אָן אַ צאָל וויכטיגע טעאָרעטישע, פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען אין אידישן לעבן און דעם אופן ווי זיי דאַרפן געלייזט ווערן.

די דאָזיגע רעזאָלוציע פאַרקערפּערט די דערפאַרונגען פון אונזער פּאַרטיי אויף דעם אידישן געביט אין משך פון העכער אַ פערטל יאָר־הונדערט. אין לויף פון אָט־דער צייט האָט די פּאַרטיי דורכגעמאַכט אַ צאָל אַנטוויקלונגס־שטופן. צוערשט האָבן מיר געהאַט די שטופע פון „שפּראַך־פעדעראַציעס". די פּאַרטיי איז אין משך פון אַ קורצער צייט געווען אַ פעדעראַציע פון פעדעראַציעס. דערנאָך איז געקומען די שטופע פון פּאַרטיי־פאַראייניגונג און צענטראַליזאַציע, וועלכע איז צום באַדויערן באַגלייט געווען מיט דעם, וואָס די אַרבעט פון די נאַציאָנאַלע גרופּן איז רעדוצירט געוואָרן צו אַזוי־גערופענער „שפּראַך־אַרבעט" אין זייער אַ שמאָלן זין. צולעצט האָבן מיר די איצטיגע שטופע, מיט איר פילזייטיגער אַרבעט פון נאַציאָנאַלע גרופּן אויף דעם באַזיס פון דער פּראָגראַם און דער אַלגעמיינער ליניע פון דער פּאַרטיי און אונטער דער דירעקטער אָנ־פירונג און קאָנטראָל פון די אַלגעמיינע אָנפירנדיגע קערפּערשאַפטן פון דער פּאַרטיי.

מיר דאַרפן אַרבעטן אין די ראַמען פון דעם איצטיגן פּאַרטיי־צוגאַנג צו נאַציאָנאַלע גרופּן, כדי צו באַזייטיגן די נאָך־פאַרבליבענע ערנסטע שוואַכקייטן און די ניט־דערשאַצונגען בנוגע דער וויכטיגקייט פון דער אַרבעט אין פאַרבינדונג מיט נאַציאָנאַלע גרופּן.

אין פאַרבינדונג דערמיט, און אין דער ליכט פון דעם קומענדיגן 25־יאָריגן יובילעי פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אין אַפּריל, 1947, איז אינ־טערעסאַנט צו דערמאָנען זיך, אַז אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע צווישן די אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטער, ווי אויך צווישן די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן (רוסישע, פּוילישע, אוקראַינישע, א. אַז. וו.)

האָט זיך באַוויזן מיט עטלעכע חדשים פריער איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן די פּאַרטיי.

אָט זיינען עטלעכע וויכטיגע דאַטן.

אין דעם זומער פון 1919, ביי דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע (אָפּגעהאַלטן אין באָסטאָן), האָט דער לינקער פליגל אָפּגעבראָכן זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען מיט די רעפאָרמיסטן, אָפּגעהאַלטן שפּעטער זיין אייגענע קאָנפערענץ און דערוויילט אַ קאָמיטע מיט דער אויפגאַבע צו פאַררופן אַ נאַציאָנעלע קאָנ־ווענשאָן, וואָס זאָל אָרגאַניזירן די „אידישע קאָמוניסטישע פעדעראַציע". די קאָנפערענץ האָט אויך באַשטימט דעם „קאַמף" ווי איר צענטראַלן אָרגאַן און דערוויילט זיין רעדאַקטאָר. דער לינקער פליגל פון דער אידי־שער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע איז געווען אַ פירנדיקער טייל פון דעם נאַציאָנאַלן לינקן פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין סעפּטעמבער, 1919.

די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע אין אָקטאָבער, 1919, און האָט אָרגאַניזירט די „אידישע קאָמוניסטישע פעדעראַציע פון אַמעריקע". מיט דער גרינדונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז די „אידישע קאָמוניסטישע פעדעראַציע" געוואָרן די „אידישע פעדעראַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע".

מיר דערנעענטערן זיך איצט צום 25־יאָריגן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט". ס'איז קלאָר, אַז די הויפּט־סיבה, וואָס מאַכט מעגלעך פאַר אונז צו פייערן די דאָזיגע היסטאָרישע געשעעניש, איז אַ דאָפּלטע:

1) ווייל אין 1919 האָט דער לינקער פליגל פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אָפּגעבראָכן מיט די רעפאָרמיסטן און פאַר־לייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן;

2) ווייל אין 1921־1922 איז דערגרייכט געוואָרן אַ דערפאָלגרייכע פאַראייניגונג צווישן די אידישע קאָמוניסטן פון איין זייט, און דער הויפּט־מאַסע פון די אידישע לינקע סאָציאַליסטן מיט אָלגין'ען אָן דער שפּיץ, פון דער צווייטער זייט, און ביידע זיינען געוואָרן אַ טייל פון אַ פאַראייניגטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מיר האַלטן אַף די איצטיגע קאָנפערענץ אין אַ וויכטיגן מאָמענט אין דעם לעבן פון אונזער לאַנד און פון דער וועלט. ס'איז אַ מאָמענט, ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, מיטן אַרבעטער־קלאַס אין פאָראויס, הויבט אָן צו באַגעגענען די פאַרשטאַרקטע אָפענסיווע פון מאָנאָפּאָליסטישער רעאַקציע נאָך דעם זיג פון די רעפּובליקאַנער אין די וואַלן.

דער קומענדיגער פּעריאָד, ווי ער איז אַנאַליזירט געוואָרן דורך אונזער נאַציאָנאַלער באָארד און אויסגעבראַכט געוואָרן אין די שריפטן פון די חברים פאָסטער און דעניס, וועט ברענגען אַ פאַרגרעסערטע טעטיגקייט מצד דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע פאַרבינדעטע אויף דעם עקאָ־

נאָמישן און פּאָליטישן געביט, כדי צו פּאַרטיידיגן די רעכט און סטאַנ־דאַרדס פון פאָלק, כדי צו קעמפן פאַר פרידן, דעמאָקראַטיע און עקאָנאָמי־שער זיכערקייט. דער ווייטערדיגער וואוקס פון דער אַרבעטער־פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער קאָאַליציע אויף צו פאַרהאַלטן און באַזיגן די רעאַקציאָנערע אָפּענסיווע האָט געקראָגן אַ נייעם מעכטיגן אימפּולס פון די געפאַרן, וואָס שטאַמען פון דעם רעפּובליקאַנער זיג. דאָס פאַר־שנעלערט אַ סך אַלע ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען אין דער ריכטונג פון אָרגאַניזירן אַ דריטע פּאַרטיי און פאַר דעם אַרויסטריט פון אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון אַ פאַראייניגטן פּראָגרעסיוון לאַגער אין 1948.

מיר אין אונזער אידישער אַרבעט זיינען באַרופן צו שפּילן אַ וויכטיגע ראָלע אין די דאָזיגע קאַמפן. מיר האָבן געזען ווי אידישע רעאַקציאָנערן האָבן אויסגענוצט די גערעכטע קריוודעס פון די אידישע מאַסן געגן דער טרומאַן־רעגירונג און האָבן אין די לעצטע וואַלן געפּרוואווט פאַרקירעווען די דאָזיגע אומצופרידנהייט אויף רעאַקציאָנערע וועגן פון שטיצן דיואַי׳ן, בריקער׳ן און אַנדערע פון זייער מין. די דאָזיגע רעאַקציאָנערע מאַנעוורעס האָבן געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף די מאַסן אידישע אַרבעטער, טיילווייז דערפאַר, וואָס מיר האָבן אין צייט דורכגעפירט אַ ווירקזאַמע קאָנטר־אַטאַקע. טיילן פון דעם אידישן מיטל־קלאַס האָבן זיך אָבער געלאָזט מיטרייסן פון די דאָזיגע מאַנעוורעס פון דער רעאַקציאָנערער פירערשאַפט פון ראַבאַי סילווער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָבן אַזוי אַרום געהאָלפן פאַרגרעסערן די צאָל שטימען, וואָס רעאַקציאָנערע רעפּובליקאַנער קאַנדידאַטן האָבן געקראָגן.

דעריבער, ווען מיר טרעטן־צו צו די פּראַקטישע אויפגאַבן פון דער איצטיגער קאָנפערענץ אין אַ גייסט פון זעלבסט־קריטיק, דאַרפן מיר שטאַרק האָבן אין זינען, אַז אונזער הויפּט־אויפגאַבע איז צו באַקעמפן די רעאַקציאָנערן, וואָס זיינען טעטיג צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן, צו בויען צווישן זיי די אַרבעטער־פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע קאָאַליציע פאַר אַ שטאַרקן קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר גלייכע רעכט; און אויסצוברייטערן און אָרגאַניזירן. דעם איינפלוס פון אונזער פּאַרטיי, פון איר מיטגלידערשאַפט, איר פּרעסע און איר אָרגאַניזאַציע אונטער דער פירערשאַפט פון אונזער נאַציאָנאַלער קאָמיטע מיט די חברים פאַסטער און דענים אָן דער שפּיץ.

די פּאַרטיי־רעזאָלוציע

1.

די ראָלע פון די אַרבעטער אין דער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט

דער ערשטער טייל פון דער פּאַרטיי־רעזאָלוציע וועגן קאָמוניסטישער אַרבעט צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן באַהאַנדלט אונזער הויפּט־אויפגאַבע: קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר גלייכע רעכט. די רעזאָלוציע פאָרמולירט אויף דאָס ניי די פּאָליסי פון אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט פון די אידישע דעמאָקראַטישע כחות, מיט די אַרבעטער אין פאָראויס, און געשטיצט אויף דעם קאַמף פאַר אַרבעטער־אייניגקייט. די הויפּט־שטערונגען פאַר אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט זיינען די רעאַקציאָנערע אידישע נאַציאָנאַליסטן (ראַבאַי סילווער, סיגאַל, א. אַנד.), די רעאַקציאָנערע אידישע אַסימילאַטאָרן („קאָונסיל פאַר דזשודאאיזם") און איבערהויפּט די רעאַקציאָנערע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון דער „פאָרווערטס"־דובינסקי גרופּע.

די רעזאָלוציע צייכנט־אָן אַ קורס פון קאַמף פאַר דער אייניגקייט פון אַלע אידישע דעמאָקראַטישע כחות, מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט צו די פּראָגרעסיווע כחות צווישן די ציוניסטן און מיט ספּעציעלער באַטאָנונג פון דעם קאַמף פאַר פּאַראייניגטער אַקציע און אַרבעטער־אייניגקייט צוזאַמען מיט די גליד־אָרגאַניזאַציעס און נאָכפאָלגער פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. די רעזאָלוציע פאָדערט סיסטעמאַטישע פּאַרטיי־טעטיגקייטן אויף דעם דאָזיגן געביט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי גופא. זי פאָדערט אויך די פולסטע שטיצע פאַר דער אַרבעט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אַסאָסיאיישאָן, פאַר דעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן און פאַר דעם אַמעריקאַניש־אידישן אַרבעטער־קאָונסיל.

די רעזאָלוציע גיט אַ קריטישן איבערבליק פון אונזער אַלגעמיינער אַרבעט. זי באַטאָנט דעם פאַקט, אַז מיר זיינען באַגאַנגען פעלערן דערמיט, וואָס מיר האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גענוג־שטאַרקן ווידערשטאַנד געגן דעם דרוק פון בורזשואזן נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע, און אויך דערמיט וואָס מיר האָבן אונטערשאַצט דעם גאַנצן געביט פון קאָמוניסטישער אידישער אַרבעט.

אין דעם דאָזיגן טייל פון דער רעזאָלוציע דאַרפן ברייטער אַנאַליזירט ווערן די פאָלגנדיגע פּונקטן:

1. וואָס איז אונזער שטעלונג צו די פּראָגרעסיווע כחות אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און אין דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ ?

מיר שטיצן זייערע קאַמפּן פאַר דער אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט פון אַלע אידישע דעמאָקראַטישע כחות, פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די רעכט פון אידישן פאָלק, דאָ און אין אַנדערע לענדער. ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז גאָר ניט ענלעך אויף דער קאַריקאַטור און פאַרקריפּלונג פון אונזער פּאָזיציע, ווי זי ווערט בייזווילּיג פאָרגעשטעלט דורך ראַגאָפ'ן אין „פאָרווערטס", דורך אויערבאַך'ן אין „מאָרגן־זשורנאַל" און אין אַן עטוואָס מער העפלעכער פאָרם דורך דינגאָל'ן און שפּיזמאַנ'ען אין „טאָג". להיפּוך די באַהויפּטונגען פון אָט־די לייט, זיינען די קאָמוניסטן ניט אויסן צו „פאַרכאַפּן" נישט דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און נישט די קאָנפערענץ. אונזער ליניע איז אַנטי־פאַשיסטישע אידישע אייניגקייט — אייניגקייט פון אַלע דעמאָקראַטישע כחות, וואָס מיר האָבן בדעה צו קרעפטיגן און שטיצן אומעטום, אַריינגערעכנט דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ. און מיר שטעלן פאַר זיך ניט די פאַנטאַסטישע אויפגאַבע צו „פאַרכאַפּן" דעם קאָנגרעס און די קאָנפערענץ, נאָר די פּראַקטישע און רעאַליסטישע אויפגאַבע צו שטיצן די פּראָגרעסיווע כחות אין די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס געגן די רעאַקציאָנערן (צום ביישפּיל — סילווער, סיגאַל), צו פּאָראויספירן אונזער זעלבשטענדיגע שטעלונג איבער אַלע וויכטיגע פראַגן און צו געווינען שטיצע פאַר אונזער שטעלונג, און צו פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס און פירערשאַפט פון די אידישע אַרבעטער אין די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס ווי דעם אויסגעהאַלטנסטן פּראָגרעסיוון כח אין אידישן לעבן.

מיר מוזן דעריבער אָפּוואַרפן די עצות פון יענע, וואָס וואָלטן וועלן, אַז די פּראָגרעסיסטן אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און אין דער קאָנפערענץ זאָלן דאָרט בלייבן פּאַסיוו און נישט קעמפן פאַר די פּאָליסים פון אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט, פאַר דער פאַרטיידיגונג פון אידישע רעכט און געגן די מאַנעווורעס פון די רעאַקציאָנערן אַזוי גוט ווי געגן די, וואָס וואָלטן וועלן, אַז די פּראָגרעסיווע עלעמענטן זאָלן אינגאַנצן אַרויס פון יענע אָרגאַניזאַציעס. אָט־דיביידע נייגונגען באַדייטן אין דער פּראַקטיק — איבערצולאָזן וויכטיגע געביטן פון אַמעריקאַנער אידישער אַרבעט צו די רעאַקציאָנערן. אונזער עצה צו די פּראָגרעסיווע עלעמענטן איז: אַרבעטן אין די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס פאַר פּראָגרעסיווע פּאָליסים, באַקעמפן די רעאַקציאָנערן סיסטעמאַטיש און אַרבעטן פאַרן וואוילזיין פון אידישן פאָלק אין קאָאָפּעראַציע מיט די פּראָגרעסיווע כחות פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק בכלל. ס'איז קלאָר, אַז אין אָט־דער פראַגע האָבן מיר אַ סך געמיינשאַפטלעכס מיט דער שטעלונג פון „קאָנגרעס וויקלי", וואָכנשריפט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס.

2. ווי אַזוי פאַרשטייען מיר דעם כלל אין אונזער רעזאָלוציע, אַז די

הויפּט־אויפגאַבע פון אַמעריקאַנער אידישע קאָמוניסטן אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטישער אייניגקייט איז צו באַקעמפן די רעאַקציאָנערן צווישן דעם אידישן פאָלק, דאָס הייסט — אונזערע „אייגענע רעאַקציאָנערן?

מיר פאַרשטייען דעם דאָזיגן לענינסטישן כּלל אויף דעם פאָלגענדיגן אופן:

א) קיינער קאָן ניט דעמאַסקירן און באַקעמפן אידישע רעאַקציאָנערן צווישן די אידישע מאַסן אַזוי פריי און ווירקזאַם ווי די אידישע פּראָגרעסיסטן גופא, צווישן וועלכע די אידישע קאָמוניסטן דאַרפן גיין פאַר־אויס. ניט־אידישע פּראָגרעסיסטן זיינען און קאָנען זיין שטאַרק באַהילפיג מיט זייער סימפּאַטיע און שטיצע, זיי וואָלטן זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף ערנסטע שטערונגען, ווען זיי זאָלן דאַרפן טראָגן די הויפּט־לאַסט פון קאַמף געגן אידישע רעאַקציאָנערן. פּונקט ווי ניט־אידישע פּראָגרעסיסטן, קאָמו־ניסטן אריינגערעכנט, קאָנען און מוזן טראָגן די הויפּט־לאַסט פון קאַמף געגן אַנטיסעמיטישע איינפלוסן צווישן ניט־אידישע מאַסן, אַזוי מוזן אידישע פּראָגרעסיסטן, קאָמוניסטן אריינגערעכנט, טראָגן די הויפּט־לאַסט פון קאַמף געגן אידישן רעאַקציאָנערן נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציאָ־ניזם צווישן די אידישע מאַסן. און לאָמיר געדענקען, אַז איינער פון אונזערע הויפּט־פעלערן איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן ניט גענוג גע־קעמפט געגן אידישע רעאַקציאָנערן.

ב) מיר זיינען אַן אונטערדריקט און פאַרפאָלגט פאָלק. דעריבער איז דער קאַמף פאַר גלייכע רעכט אונזער הויפּט־קאַמף. דאָס איז גילטיג פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע ווי אַזעלכע. אָבער דער דאָזיגער פאַקט טאָר אונז ניט בלינד מאַכן בנוגע אַנדערע פאַקטן, נעמלעך: אַז עס איז פאַראַן צווישן אונז אַ סאָציאַלע גרופּע, וועלכע איז אַ טייל פון אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל און איבט־אויס אַ מעכטיגן רעאַקציאָנערן איינפלוס אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. מיר האָבן אַ פּראָפּאָרציאָנעל צו־גרויסן מיטל־קלאַס, וואָס באַדייטנדיגע טיילן זיינען זיינען צוגעבונדן אידעאָלאָגיש אָדער צום בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם אָדער צום בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם, און דאָס שאַפט שטיץ־פּונקטן פאַר די אידישע רעאַקציאָנערן. די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איבט־אויס אַ פּראָפּאָרציאָנעל צו־גרויסן איינפלוס, אַ רעאַקציאָנערן איינפלוס אין אַמעריקאַנער לעבן צוליב די דערמאָנטע ספּעציעלע שטריכן אין דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע און צוליב די שטאַרקע קליינבירגערלעכע איינפלוסן אויף די אידישע אַרבעטער, אַזוי גוט ווי צוליב די נאָך ניט אויסגעלעבטע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע (בונדיסטישע) טראַדיציעס צווישן דעם עלטערן דור אַמערי־קאַנער אידישע אַרבעטער. דערפון נעמען זיך די שטאַרקע פּאָזיציעס פון די רעאַקציאָנערן אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. דאָס איז איין זייט פון דעם בילד. פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר דעם אויסערגעוויינטלעכן איינפלוס פון די פּראָגרעסיסטן און פון די אַרבעטער־כּחות אין אַמערי־

קאנער אידישן לעבן. דערפון דרינגט ארויס סיי די צענטראלע אויפגאבע צו באקעמפן אידישע רעאקציאנערן און סיי די אויסערגעוויינטלעכע מעגלעכקייט פאר דערפאלג.

ג) אלע אידן געהערן צו אן אונטערדריקטן און פארפאלגטן פאלק. אנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאציעס טרעפן אלע אידן, כאטש ניט אין א גלייכער מאס, און פאשיזם איז אויסן צו פארניכטן זיי אלעמען, אפגעזען פון קלאסן. עס וואלט אבער געוועזן דער גרעסטער א־מזין צו האלטן, אז אלע אידן זיינען פראגרעסיוו אדער אנטי־פאשיסטיש שוין דערמיט אליין, וואס זיי זיינען געבוירן געווארן ווי אידן. מיר ווייסן גאנץ גוט, אז דאס איז ניט אזוי. מיר דארפן בלויז א קוק טאן אויף געוויסע פאקטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן: דובינסקי, ראגאף, כאנין פון דעם סאציאל־דעמאקראטישן לאגער; אדער ראבאי סילווער און סיגאל פון דעם ציוניסטישן לאגער; אדער די ראזענוואלדס און סולצבערגערס פון דעם אסימילאטארישן לאגער פון דער מאנאפאליסטישער בורזשואזיע. דאס באווייזט דעם אנטשיידנדיגן איינפלוס פון קלאסן־פאזיציע. צו דער זעלביגער צייט איז פאראן א כסדר׳דיגער קאנפליקט צווישן די אינטערעסן, וואס ווערן דיקטירט דורך דער פריווילעגירטער קלאסן־פאזיציע פון אידישע בורזשואזע קרייזן, און די אינטערעסן וואס ווערן דיקטירט דורך זייער פאזיציע פון נאציאנאל־דיסקרימינירטע גרופן. דער דאזיגער קאנפליקט שאפט פאליטישע וואקלונגען צווישן אידישע בורזשואזע קרייזן, וואס די פראגרעסיווע כחות קאנען און מוזן אויסנוצן, כדי צו פארשטארקן די דעמאקראטישע אייניגקייט־באוועגונגען. אבער דאס קאן געטאן ווערן נאר אויף איין באדינג — אויף דעם באזיס פון בויען די אנטי־פאשיסטישע אייניגקייט פון די אידישע דעמאקראטישע כחות, די אייניגקייט פון די ארבעטער, פראפעסיאנאלן, אינטעלעקטואלן, קליינע געשעפטסלייט; אן אייניגקייט, וואס שליסט איין די פראגרעסיווע עלעמענטן צווישן ציוניסטן און די ברייטע נאכפאלגערשאפט פון דר. סטיפען ס. וואיז; אן אייניגקייט, וואס באקעמפט סיסטעמאטיש און כסדר אונזערע „אייגענע" רעאקציאנערן און שאוויניסטן.

ד) לענין האט ביים פארהאנדלען די אויפגאבע פון קאמוניסטן פון אונטערדריקטע און דיסקרימינירטע פעלקער שטענדיג באטאנט, אז „די בורזשואזיע פון די אונטערדריקטע נאציעס פארוואנדלט כסדר די לאזונגען פון נאציאנאלער באפרייאונג אין א מיטל אפצונארן די ארבעטער".*) איז עס ניט דאס זעלביגע וואס די סילווער־פירערשאפט פון דער ציוניסטישער באוועגונג און די סיגאלס טוען? לענין באצייכנט די דאזיגע טאקטיק מצד דער בורזשואזיע פון די אונטערדריקטע פעלקער ווי „אפנארעריי, פארראט און שווינדל פון דער בורזשואזיע", און ער פאדערט־

*) ציטירט פון סטאלינ׳ס „מארקסיזם און די נאציאנאלע און קאלאניאלע פראגע", ענגלישע אויסגאבע, זייט 171.

אויף די קאָמוניסטן פון אונטערדריקטע פעלקער צו דעמאַסקירן באַזונדער אַט־די רעאַקציאָנערע קונצן פון זייער „אייגענער" בורזשואַזיע, מיט דער עצה, אַז זיי „מוזן קעמפן פאַר און אָנהאַלטן פולשטענדיגע און אבסאָלוטע איינִיגקייט, איינגעשלאָסן אָרגאַניזאַציאָנעלע איינִיגקייט, צווישן די אַרבע־טער פון דער אונטערדריקטער נאַציע און די אַרבעטער פון דער אונטער־דריקנדיגער נאַציע.*)

ה) וואָס איז שייך פאַלעסטינע, וואָס וועט דאָ שפּעטער באַהאַנדלט ווערן ברייטער, קאָנען מיר אפילו ניט אָנהויבן קעמפן פאַר אַראַביש־אי־דישער איינִיגקייט, אויב מיר וועלן נישט באַקעמפן ניט בלויז די אַראַבישע רעאַקציאָנערן, נאָר אויך אידישע רעאַקציאָנערן. דאָס הייסט, אַז אידישע קאָמוניסטן מוזן זיך קאָנצענטרירן אויף דעם קאַמף געגן אידישע רע־אַקציאָנערן, בעת זיי פירן אַן אַלגעמיינעם קאַמף געגן אַלע רעאַקציאָנערע כחות. עס וואָלט זיכער געווען זייער שלעכט פאַר דער זאַך פון אידיש־אַראַבישער איינִיגקייט און פאַר דער באַפרייאונג פון פאַלעסטינע, ווען אַראַבישע קאָמוניסטן וואָלטן זיך קאָנצענטרירט אויף אידישע רעאַקציאָ־נערן און אידישע קאָמוניסטן — אויף אַראַבישע רעאַקציאָנערן. עס וואָלט געווען פונקט אַזוי שלעכט ווען זיי וואָלטן אָנגעהאַלטן עפּעס אַ „גלייכע" און „אומפּאַרטייאישע" ליניע בנוגע אַלע רעאַקציאָנערן און ניט געשענקט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו זייערע „אייגענע" רעאַקציאָנערן. דאָס וואָלט קודם כל אַריינגעשפּילט אין די הענט פון די אימפּעריאַליסטן און אויך אין די הענט פון די נאַציאָנאַלע שאָוויניסטן צווישן ביידע פעלקער.

מיר דאַרפן, הייסט עס, ווידעראַמאָל מאַכן ידעם אויספיר, אַז אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף געגן אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע אין אַלע אירע אויסדרוקן, ספּעציעל אין אירע אַנטיסעמיטישע פאָרמען, מוזן זיך די אַמעריקאַנער אידישע קאָמוניסטן קאָנצענטרירן באַזונדער אויף באַקעמפן די אידישע רעאַקציאָנערן ווי אַ פונדאַמענטאַלן באַדינג פאַר דעם אויפבוי פון דער אַנטי־פאַשיסטישער איינִיגקייט פון די אידישע דעמאָקראַטישע כחות. דערמיט וועלן מיר פאַרריכטן איינעם פון אונזערע גרעסערע פעלערן.

3. צי פאַרדאַמען מיר יעדן אינדיווידועלן אַסימילירטן אידן ווי אַ רעאַקציאָנער?

געוויס ניט. וואָס אונז גייט־אָן איז אַסימילאַציאָניזם ווי אַ בור־זשואַזע אידעאָלאָגיע און באַוועגונג, ווי צום ביישפּיל — דער „קאָונסיל פאַר דזשודאַאיזם", די הערשנדיגע קרייזן פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", געוויסע גרופּירונגען צווישן דער רעאַקציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און ענלעכע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע שטרעמונגען און אָר־גאַניזירטע באַוועגונגען. מיר האָבן ניט צו טאָן מיט יחידים, וואָס דענקען,

*) ציטירט פון אויבן־אָנגעגעבענעם קוואַל.

אַז זיי קאָנען געפֿינען, אָדער האָבן געפֿונען אַ לייזונג פֿון זייערע אידישע פּראָבלעמען דורך אַסימילאַציע. די דאָזיגע אינדיווידועלע פֿאַלן זיינען צו־קאָמפּליצירט, אַז מען זאָל זיי קאָנען אַנאַליזירן און דערקלערן אויף אַן איינפֿאַכן אופֿן. מיר ווייסן פֿון אַ סך אידן, וואָס זיינען געגוויגט צו אַסימילאַציע און זיינען אויף אַן אמת'ן פּראָגרעסיוו און באַטייליגן זיך אַקטיוו — אָפּטמאָל ווי אָנפֿירער — אין פּראָגרעסיווע באַוועגונגען און אַקציעס פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק בכלל. געווים קאָנען מיר ניט באַטראַכטן אַזוינע אידן ווי ניט־פּראָגרעסיוו, שוין אָפּגערעדט פֿון באַטראַכטן זיי ווי רעאַקציאָנערן. וואָס מיר זאָגן איז, אַז ס'איז צו באַדויערן, וואָס די דאָזיגע אַסימילירטע פּראָגרעסיווע אידן קאָנען ניט מאַכן זייער ביישטייער צום אויפֿבוי פֿון אַ פּראָגרעסיוון אידישן לעבן אין אַמעריקע. דאָס איז אַ פֿאַרלוסט ניט בלויז פֿאַר דעם אידישן פֿאָלק, נאָר אויך פֿאַר די אַסימילירטע פּראָגרעסיווע אידן גופֿא. זיי וואָלטן מסתמא געווען מער ווירקזאַם אין די אַלגעמיינע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פֿון אַמעריקאַנער פֿאָלק בכלל, ווען זיי וואָלטן אויך געווען פֿאַרוואָרצלט אין די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פֿון דעם אידישן פֿאָלק.

נאָך מער: מיר ווייסן, אַז זייט ביי זייט מיט די אָביעקטיווע כחות, וואָס ווירקן אין דער ריכטונג פֿון אָנהאַלטן די סטאַביליטעט און לעבנס־קראַפֿט פֿון דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע, זיינען אויך דאָ אַנדערע אָביעקטיווע כחות, וואָס ווירקן אין דער ריכטונג פֿון אונטערגראָבן די נאַציאָנאַלע גרופּע און צו שאַפֿן שטאַרקע טענדענצן אין דער ריכטונג פֿון אַסימילאַציע. אָבער אויף דעם ענטפֿערן מיר, ווי ס'איז אַרויסגעבראַכט אין דעם דריטן טייל פֿון דער רעזאָלוציע, אַז פֿאַר די מאַסן אַמעריקאַנער אידן גייט דער וועג צו פֿרייער און פֿריייוויליגער פֿאַרגאַנצונג (אינטעגראַציע) מיט דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן דורך דעם אויפֿבוי און אַנטוויקלונג פֿון אַ פּראָגרעסיוון לעבן אין דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע, אין געגנזאַץ צו אַרויפֿגעצוואונגענער אַסימילאַציע. אָט דערפֿאַר דאַרפֿן מיר קעמפֿן געגן אַסימילאַציאָניזם ווי אַ בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם אימפּעריאַליסטישן דרוק פֿון אַנגלאָ־זאַקסישער אויבערהערשאַפֿט. אָט דערפֿאַר מוזן מיר קעמפֿן פֿאַר די רעכט פֿון פֿרייער און פֿריייוויליגער אינטעגראַציע מיט דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן דורך דער אַנטוויקלונג פֿון אַ פּראָגרעסיוון לעבן אין דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע. דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז דער דערפֿאָלג פֿון דער דאָזיגער אַרבעט פֿאָדערט אויך אַ סיסטעמאַטישן קאַמף געגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם.

4. אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן שטיצן מיר די „מאָרגן־פֿרייהייט" אַסאָסיאיישאָן" און אירע צייטשריפֿטן, די טעגלעכע „מאָרגן־פֿרייהייט" אויף אידיש און דעם חודש־זשורנאַל „דזשואיש לאַיף" אויף ענגליש?

מיר ווייסן אַלע וועגן די גרויסע ביישטראָגן, וואָס די „מאָרגן־פֿרייהייט", וועלכע איז כמעט 18 יאָר אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון דעם אומפֿאַרגעס־

לעבן אַלגין, האָט געמאַכט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג און די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון די אַמעריקאַנער אידן און פון אַמעריקאַנער פאָלק בכלל אין לויף פון די 25 יאָר פון איר עקזיסטענץ. אין אַפּריל, 1947, וועלן מיר פייערן אַ פערטל יאָרהונדערט „מאָרגן־פרייהייט", אַ צייטונג, וואָס האָט איבערגעלאָזט איר צייכן אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג און די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון דעם אידישן פאָלק אין אַלע לענדער.

די „מאָרגן־פרייהייט" אַסאָסיאיישאָן גיט־אַרוים און פירט־אָן מיט דער „מאָרגן־פרייהייט" און „דזשואיש לאַיף". ס'איז אַ ניט־פּאַרטייאישע אַנטי־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, אַרום וועלכער עס זיינען גרופּירט אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטישע כחות אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן — אין די טרעיד־יוניאָנס, אין די פּאַרטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אין די לאַנדסמאַנשאַפטן, אין דעם געביט פון רעליף און רעהאַביליטאַציע און אויף דעם קולטור־געביט. די אַסאָסיאיישאָן האָט דעריבער די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען, אין איינקלאַנג מיט איר פּראָגראַם, ווי אַ פירנדיגער ניט־פּאַרטייאישער צענטער פון אַנטי־פאַשיסטישע מאַסן־קאַמפּן, וואו קאָמוניסטן און ניט־קאָמוניסטן קאָנען פריי קאָאָפּערירן אויף אַ געמיינשאַפטלעכער פּראָגרעסיווער פּראָגראַם, כדי צו באַגעגענען די באַדערפעענישן און פּראָבלעמען פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן. מיר, אידישע קאָמוניסטן, באַטייליגן זיך אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אַסאָסיאיישאָן אויף דעם דאָזיגן באַזיס. אונזער פּאַרטיי שטיצט די פּראָגראַם און די מאַסן־אַקטיוויטעטן פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אַסאָסיאיישאָן און פאָדערט־אויף אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער און אָרגאַניזאַציעס אויסצונוצן אין דער פולער מאָס די „מאָרגן־פרייהייט" און „דזשואיש לאַיף" פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּראָגרעסיווע קאַמפּאַניעס און באַוועגונגען צווישן די אידישע מאַסן. מיר באַטאָנען איצט באַזונדער די געפּלאַנטע צירקולאַציע־ און געלט־קאַמפּאַניעס פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" און „דזשואיש לאַיף" אין פאַרבינדונג מיט דעם 25־יאָריגן יובילי פון דער „פרייהייט"—„מאָרגן־פרייהייט".

נאַטירלעך, פאַר אונז קאָמוניסטן איז די פּאַרטיי און אירע פירנדיגע אָרגאַנען — די אָנפירער פון אונזער אַרבעט אויף דעם אידישן געביט ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן. לויט אונזער רעזאָלוציע דאַרפן פּאַרטיי־קאָמיסיעס איבער אידישער אַרבעט, אויף אַ נאַציאָנאַלן און סטעיט פאַרנעם, „אָנפירן מיט דער אַרבעט פון די קאָמוניסטן אויף דער אידישער גאַס אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון די אַלגעמיינע פירנדיגע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי". די דאָזיגע קאָמיסיעס דאַרפן פאָרמולירן פּאָליסים און אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן. די פּאַרטיי־קאָמיסיעס וועלן שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו דער אַנטוויקלונג פון מאַסן־טעטיגקייטן אויף דער אידישער גאַס אין נאָמען פון דער פּאַרטיי און וועלן פאָרמולירן פּלענער פאַר דער סיסטעמאַטישער בויאונג פון דער פּאַרטיי און איר פּרעסע צווישן די אידישע מאַסן. מיר

מוזן דערלערנען די געהעריגע לעקציעס פון דעם פארפעלן צו בויען סיסטעמאטיש די פארטיי צווישן די אידישע מאסן. מיר מוזן זיך קאנ־צענטרירן אויף פארריכטן דעם דאזיגן פעלער, וואס שטאמט פון דעם בראודער־רעוויזיאניזם.

נאך דריי באטראכטונגען דארפן דא פארצייכנט ווערן:

1) מיר מוזן זיין אויף דער וואך און באקעמפן יעדע טענדענץ צו אונטערשאצן די וויכטיגקייט פון אידישער ארבעט אויף ענגליש, אדער אפצוטיילן די אידישע ארבעט אויף ענגליש פון דער אידישער ארבעט אויף אידיש, און פארקערט. אין א גלייכער מאס דארפן מיר באקעמפן יעדע טענדענץ צו אונטערשאצן און מינימיזירן די וויכטיגקייט פון אונזער אידישער ארבעט אויף אידיש.

2) מיר מוזן זיין אויף דער וואך און באקעמפן יעדע טענדענץ צו מאכן אידישע ארבעט, פאר אן אויסשליסלעכן און אפגעזונדערטן עניז פון אידישע קאמוניסטן, אטשטאט אן אויפגאבע פון דער גאנצער פארטיי, אדער צו פארפעלן צו פארוואנדלען די קאמיסיעס איבער אידישער ארבעט אין ארגאנישע טיילן פון אלגעמיינער פארטיי־ארבעט אונטער דער סיסטע־מאטישער אויפזיכט און אנפירונג פון די אלגעמיינע פירנדיגע ארגאנען פון דער פארטיי.

3) מיר מוזן ארויסווייזן א זעלבסט־קריטישע באציאונג צו אונזער טעגלעכער ארבעט אויף דעם אידישן געביט, ווי אויף אנדערע געביטן.

2.

פאר א דעמאקראטישער לייזונג פון דעם פאלעסטינער קריזיס

דער צווייטער טייל פון דער רעזאלוציע דערקלערט אונזער שטעלונג צו אלע וויכטיגע פראגן אין פארבינדונג מיט פאלעסטינע, מאכט א דורכ־קוק פון אונזערע אויפטועז, אנאליזירט און פארריכט אונזערע פעלערן און פארמולירט א פראגראם פון באלדיגער אקציע.

די פאלגנדיגע פונקטן דארפן געגויער באטראכט ווערן:

1. וואס זיינען געווען די שטופן אין דער אנטוויקלונג פון אונזערע פאליסיס איבער דער אידישער פראבלעם בכלל און איבער פאלעסטינע בפרט פאר דער מלחמה, אין משך פון דער מלחמה און נאך דער מלחמה?

מיר דארפן איצט באטראכטן די דאזיגע פראגע, אויב ניט צוליב קיין אנדער זאך, איז כדי צו באקעמפן די פארלוימדונגען, פעלשונגען און פאר־קריפלונגען, וואס ווערן בייזוויליג פארשפרייט פון די אנפירער פון „פאר־ווערטס" און אויך פון געוויסע ציוניסטישע עלעמענטן אין „טאג" און אין „מארגן־זשורנאל" בנוגע אונזער שטעלונג צו די דאזיגע פראגן. זיכער האט די פארטיי־רעזאלוציע איבער אידישער ארבעט, וואס ברענגט־פאר א גרינדלעכע פראגראם פון קאמף פאר די רעכט פון אידישן פאלק

און פאר דעם אויפבוי פון א פראגרעסיוון אידישן לעבן אין אמעריקע ווי דעם וועג צו פולשטענדיגער אינטעגראציע, און וואס צייכנט־אן א פראק־טישע פראגראם פאר דער דעמאקראטישער לייזונג פון דעם פאלעסטינער קריזיס, דערלאנגט א שטארקן קלאפ די רעאקציאנערע נאציאנאליסטן, די אסימילאטארן און די רעאקציאנערע סאציאל־דעמאקראטן. זיי פילן, אז די דאזיגע רעזאלוציע וועט מעגלעך מאכן פאר די אידישע מאסן צו גע־פינען פראגרעסיווע, דעמאקראטישע און אנטי־פאשיסטישע לייזונגען פון זייערע פראבלעמען סיי ווי אמעריקאנער און סיי ווי אידן. זיי פילן, אז די דאזיגע רעזאלוציע וועט זיך ארויסווייזן צו זיין א מעכטיג געציג געגן אלע רעאקציאנערע אידעאלאגיעס און וועט העלפן בויען די אידעאלאגיע פון דעם ארבעטער־קלאס און פון מארקסיזם. דעריבער האבן דאס די רעאקציאנערן אויפגענומען אונזער רעזאלוציע מיט אזוי פיל האס און גיפט.

ווי אזוי זיינען אונזערע פאליסים ווירקלעך אנטוויקלט געווארן? דערלויבט מיר צו ציטירן אן אויסצוג פון מיין ארטיקל אין „דזשואיש לאיף" פון נאוועמבער, 1946:

„אין דער פארגאנגענהייט האבן אמעריקאנער אידישע מארק־סיסטן נישט אלע מאל ארויסגעוויזן א פאזיטיווע שטעלונג צו די רעכט און אינטערעסן פון דעם אידישן פאלק, צו די ספעציעלע באַ־דערפענישן און פראבלעמען פון אונזער אייגענער אמעריקאניש־אידי־שער נאציאנאלער גרופע און צו די אינטערעסן און רעכט פון דעם ישוב אין פאלעסטינע. ס'האט געהערשט א טענדענץ צו אידענטיפי־צירן אויף א מער אדער ווייניגער לויזן אופן די אינטערעסן פון אידישן פאלק מיט נאציאנאליזם און רעאקציע; צו אידענטיפיצירן, צום ביישפיל, די אינטערעסן פון דעם ישוב אין פאלעסטינע מיטן ציוניזם און אריבערטראגן און אויסברייטערן די בארעכטיגטע געגנערשאפט צו נאציאנאליזם אויך אויף די אידישע אינטערעסן בכלל און אויף דעם פאלעסטינער ישוב בפרט. דאס איז געווען א ביישפיל פון אונטערפאלן אונטער דעם איינפלוס פון בורזשואזן אסימילאציאניזם, וואס שפיגלט אפ די „העכערע ראסן"־טעאריעס פון אנגלא־זאקסישן אימפעריאליזם אזוי גוט ווי פון נאציאנאלן ניהיליזם, וואס ביידע האבן ניט קיין שום געמיינשאפטלעכס מיט דעם מארקסיזם. און דאס האט פאסירט אין א גרויסער מאס דערפאר, וואס אמעריקאנער אידישע מארקסיסטן זיינען אוועק צום צווייטן עקסטרעם אין זייערע בארעכטיגטע באמיאונגען אויסצומיידן די פאסטקעס פון בורזשואזן נאציאנאליזם — ציוניזם און בונדיזם — און פון נאציאנאלן שאוויניזם, וואס פארט זיך ניט מיט אויסגע־האלטענער דעמאקראטיע און מיטן מארקסיזם."

דאס כאראקטעריזירט אונזער שטעלונג, אונזערע שטארקע און

שוואַכע פונקטן, פאַר דער מלחמה. האָט עס וועלכע ס׳איז שייכות מיט די פאַרלוימדערישע העצעס פון „פאָרווערטס" און זיינע ציוניסטישע נאָכ־מאַכער, אַז אין 1929 האָבן די קאָמוניסטן כלומרשט גערופן צו פּאָגראָמען אויף די אידן אין פּאַלעסטינע? פאַרשטייט זיך, אַז ניין. די דאָזיגע פאַר־לוימדונגען זיינען פונקט אַזוי פאַלש ווי זיי זיינען בייזוויליג און זיי זיינען אויסן צו שטערן די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון דער אַנטי־פאַשיסטישער איינינקייט פון די דעמאָקראַטישע כחות פון אידישן פאָלק.

מיר האָבן עס געזאָגט פריער און מיר דאַרפן עס נאָכאַמאָל זאָגן, אַז פאַר דער מלחמה האָבן אַמעריקאַנער אידישע מאַרקסיסטן אַרויסגעוויזן אַ געוויסן מאַנגל אין סענסיטיוויקייט בנוגע די נאַציאָנאַלע שטימונגען און שטעלונגען פון די אידישע מאַסן. דאָס איז געווען ניט ריכטיג. עס האָט אָפּגעשוואַכט אַ סך פון אונזער פּראַקטפּולער אַרבעט פון יענער צייט. מיר האָבן קיינמאָל ניט געטאָרט פאַרגעסן וואָס לענין האָט געזאָגט וועגן אָט דעם ענין אין דעם ערשטן אָנוואורף פון זיין „טעזיס איבער דער נאַציאָ־נאַלער און קאָלאָניאַלער פראַגע". ער האָט געשריבן:

„דערפון דרינגט אַרויס די פאַרפליכטונג מצד דעם באַוואוסט־זיניגן קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער אַרויסצואווייזן באַזונדערע פאָרזיכטיגקייט און אויפמערקזאַמקייט אין זיין שטעלונג צו די רעשטלעך פון נאַציאָנאַלע שטימונגען צווישן די נאַציעס און די פעלקער, וואָס האָבן צום לענגסטן געלעבט אונטער אונטער־דריקונג; אויך איז עס זיין פאַרפליכטונג צו מאַכן געוויסע קאָנ־צעסיעס, כדי צו פאַרשנעלערן דאָס פאַרשווינדן פון דעם אומצוטרוי און פאָראורטיילן." *)

מיר זיינען ניט געווען גענוג פאָרזיכטיג און האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין סך אויפמערקזאַמקייט צו אַזוינע שטימונגען פון די אידישע מאַסן אין די יאָרן פאַר דער מלחמה, בעת מיר האָבן אָנגעפירט היסטאָרישע קאַמפן אין די אינטערעסן פון אונזער פאָלק און זיין אַרבעטער־קלאַס. מיר האָבן אָבער אָנגעהויבן פאַרריכטן אונזערע פעלערן מיט דעם אויפשטייג פון דעם פאַשיזם און ספּעציעל מיט דער דערנענטערונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך ציטיר ווידער פון מיין אַרטיקל אין „דזשואיש לאיף":

„אָבער אין די לעצטע יאָרן, ספּעציעל אין לויף פון דער מלחמה קעגן דער אַקס, האָבן אַמעריקאַנער אידישע מאַרקסיסטן געמאַכט היבשן פאָרשריט אויף דעם וועג פון באַפרייען זיך פון די איינפלוסן פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם און נאַציאָנאַלן ניהיליזם. זיי זיינען אַזוי אַרום צוגעקומען נענטער צו אַ ריכטיגער מאַרקסיסטישער שטע־לונג אַזוי גוט ווי צו די מאַסן פון אידישן פאָלק, — צו זייערע באַ־

*) ציטירט לויט דער רוסישער אויסגאַבע, באַנד 25, זייט 290.

דערפעניש, פּראָבלעמען און פּראָגרעסיווע קאַמפּן. אויף אַזאַ אופן האָבן די אַמעריקאַנער אידישע מאַרקסיסטן געמאַכט זייערע וויכטיגע ביישטייערונגען צו דער אַנטי־פאַשיסטישער פאָלקס־אייניגקייט פאַר דעם זיג איבער דער אַקס. . . . אָבער בעת מיר האָבן פאַרריכט אַ סך פון די פעלערן פון אַסימילאַציאָניזם און נאַציאָנאַלן ניהיליזם, האָבן מיר ניט באַוויזן אויסצומיידן אין דער פולער מאָס — און אין געוויסע געביטן האָבן מיר פאַרפעלט אויסצומיידן — דעם צווייטן עקסטרעם, די פּאָסטקעס פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. אַן אויסגעשפּראָכענער ביישפּיל דערפון איז טאַקע געוועזן דער פעלער פון ניט באַגרינדן דעם קאַמף פאַר די רעכט פון דעם ישוב דורכאויס אויף דעם פונ־דאַמענט פון אַראַביש־אידישער אייניגקייט פאַר אַ פרייער און זעלבּ־שטענדיגער פּאַלעסטינע; פון ניט אַרויסווייזן גענוג ווידערשטאַנד געגן דער נאַציאָנאַליסטישער טענדענץ צו איגנאָרירן און סובאָרדינירן די אינטערעסן פון דעם אַראַבישן פאָלק אין פּאַלעסטינע, פון ניט גענוג קעמפן פאַר די ריכטיגע מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס און פאַר דער אידעאָלאָגיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיגע פעלערן דאַרפן פאַרריכט ווערן גרינדלעך און פולשטענדיג. אַ סיסטעמאַטישער קאַמף מוז געפירט ווערן געגן אַלע איינפלוסן פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. און לערנענדיג פון דערפאַרונג דאַרפן מיר אַכטונג געבן, אַז מיר זאָלן זיך ניט אומקערן צו די פעלערן פון אַסימילאַציאָניזם און נאַציאָנאַלן ניהיליזם, נאָר זיך האַלטן פעסט ביי די מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס דורך באַקעמפן ביידע געפאַרן — דעם בורזשואַזן נאַציאָ־נאַליזם און דעם בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם.״

דאָס איז אַ זעלבסט־קריטישער אַנאַליז פון די פעלערן און פון דעם אופן ווי זיי דאַרפן פאַרריכט ווערן, אין איינקלאַנג מיט אונזער רעזאָ־לוציע, וועלכע מאַכט אַ ווירקלעכן ביישטייער דורך איר גרינדלעכער און ווירקזאַמער מאַרקסיסטישער זעלבסט־קריטיק. צו דער זעלביגער צייט ווייזט מיר אָן גאַנץ קלאָר, אַז אין די קריטישע מלחמה־יאָרן האָבן די אַמעריקאַנער אידישע קאָמוניסטן געדינט די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק און פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק בכלל דורך קעמפן פאַר דעם אויפ־בוי פון דער אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט פון דעם אידישן פאָלק פאַר דעם זיג איבער דער אַקס; אַז ווען די נאַצים האָבן געשאָכטן אונזערע ברידער און שוועסטער אין אַלע טיילן פון אייראָפּע, זיינען מיר געשטאַנען מיט אונזער פאָלק און געקעמפט צוזאַמען ביזן סוף. מיר האָבן אין יענע יאָרן געמאַכט באַדייטנדיגן פאָרשריט אין דער ריכטונג פון אַ ריכטיגער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער אָריענטאַציע איבער דער אידישער פראַגע בכלל און איבער פּאַלעסטינע בפרט; נאָר מיר האָבן אויך געמאַכט אַ צאָל ערנסטע פעלערן, וואָס האָבן פאַרמינערט די ווירקזאַמקייט פון אונזער אַרבעט.

וואָס פּאַר אַ לאַגע האָבן מיר היינט צו טאָג? מיר האַלטן אין באַזייטיגן און פאַרריכטן אונזערע פעלערן, וועלכע שטאַמען פון דעם דרוק פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציאָניזם; און איבער דער פראַגע פון פּאַלעסטינע פאַרריכטן מיר די פעלערן, וואָס שטאַמען דער עיקר פון דעם דרוק פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. בעת מיר האָבן געמאַכט קאָנצעסיעס, זיינען מיר אין אַ סך פאַלן אַוועק צו ווייט. מיר זיינען ניט געווען גענוג וואַכזאַם און האָבן ניט גענוג געקעמפט געגן אידישע בורזשואַזע אידעאָלאָגישע איינפלוסן. דאָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע רעוויזיאָניסטישע פעלערן, וואָס שטאַמען פון דעם בראַודעריזם. מיר האָבן אויך פאַרפעלט אָנצואווענדן אויף אונזער אַרבעט אַ צווייטן לעניניסטישן פּרינציפּ, אַז ביים שטיצן בורזשואַז־דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין די קאָלאָניעס, טוען מיר דאָס „בלויז אויף דעם באַדינג, אַז די עלעמענטן פון די צוקונפטיגע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, וואָס זיינען קאָמוניסטיש ניט בלויז אין נאָמען, אין אַלע צוריקגעשטאַנענע לענדער זאָלן צונויפגעזאַמלט ווערן און דערצויגן ווערן צו פאַרשטיין זייערע אייגענע ספּעציעלן אויפגאַבן — די אויפגאַבן פון קאַמף מיט די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע באַוועגונגען אין די ראַמען פון זייער אייגענער נאַציע".*) און דאָס מיינט, אַז מיר האָבן נישט געקעמפט גענוג פאַר דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע און פאַר דער פירנדיגער ראָלע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און די פּראָגרעסיווע פאָלקס־באַוועגונגען. די דאָזיגע פעלערן האַלטן מיר איצט אין פאַרריכטן. אין דער רעזאָלוציע האָבן מיר אַן ענטפער אויף די הויפּט־פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר אונזער פאָלק, אַזוי גוט ווי אַ פּראָגראַם פון קאַמף פאַר דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע און פאַר דער פירנדיגער ראָל פון די אַרבעטער.

האָט דאָס וועלכע ס'איז ענלעכקייט צו די פאַרלוימדונגען פון „פאַרווערטס", וואָס שטיצט בעווינ'ען אין פּאַלעסטינע, צי פון יענע ציוניסטן, וואָס טוען־נאָך דעם „פאָרווערטס" — אַז די קאָמוניסטן האָבן זיך כלומרשט אויסגעדרייט מיטן רוקן צום ישוב אין פּאַלעסטינע? פאַרשטייט זיך, אַז ניין. דאָס זיינען פאַרלוימדערישע העצעס פון די שונאים פון אַנטי־פּאַשיסטישער אידישער איינינקייט און פון אַ דעמאָקראַטישער ליזונג פון אידישע פּראָבלעמען בכלל און פון דער פּאַלעסטינער פּראָבלעם בפרט.

2. וואָס איז וועגן אידישער אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע?

אָבער צוערשט — אַ פּאָר אַלגעמיינע באַטראַכטונגען. אידישע אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע איז איצט ניט די הויפּט־פראַגע אין דער פּאַלעסטינער סיטואַציע, כאָטש דאָס איז זייער אַ וויכטיגע פראַגע. די באַלדיגע פּראַקטישע ליזונג פון דער פראַגע וועגן באַפרייען די אידישע פּליכטלינגען אין די דייטשע „די־פּי" לאַגערן פאָדערט, אַז די „יונאַיטעד נעי־

---

*) „טעזעס איבער דער נאַציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער פראַגע", רוסישע אויסגאַבע, באַנד 25 זז. 290,289.

שאנס" זאל אויף זיך נעמען די פולע אחריות פאר אויסווירקן די צושטימונג פון די מיטגלידער־לענדער פון די „יונאיטעד נעישאנס", אז זיי זאלן עפענען זייערע טויערן פאר די דאזיגע פליכטלינגען און זיי געבן א מעגלעכקייט דארט זיך צו באזעצן; דאס דארף אויך איינשליסן א פארשטענדיגונג צווישן די אראבער און אידן אין פאלעסטינע לטובת אידישער אימיגראציע אין יענעם לאנד. דער ברוטאלער פאקט איז, אז די בריטישע רעגירונג האלט די טויערן פון פאלעסטינע פארהאקט פאר אידישער אימיגראציע. די „דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע" בויט שוין אירע פלענער אויף דער אויסזיכט, אז די אידישע פליכטלינגען וועלן בלייבן אין די דייטשע לאגערן נאך צוויי אדער דריי יאר. אזוי זעען מיר, אז די אפיציעלע ציוניסטישע פאליטיק, וואס מאכט די פראגע פון אימיגראציע קיין פאלעסטינע פאר דער צענטראלער פראגע פון דער פאלעסטינער סיטואציע, ברענגט ניט קיין שום פראקטישע הילף פאר די אידישע פליכטלינגען, ווייל דאס גיט זיי ניט קיין באלדיגן אויסוועג. פארקערט, דאס איז א שטערונג גיכער ווי א הילף פאר אראביש־אידישער פארשטענדיגונג וועגן א זעלבשטענדיגער פאלעסטינע פון ביידע פעלקער, וואס דאס וואלט אויך געפירט צו א פארשטענדיגונג לטובת אידישער אימיגראציע.

צווייטנס, האבן סיי משה שערטאק און סיי דר. מאגנעס דערקלערט ביים פארהער פון דער אנגלא־אמעריקאנישער קאמיסיע אין פאלעסטינע, אז אראבישע פירער זיינען געווען גרייט — נאך אין 1936 — איינצוגיין אויף א גרויסער אידישער אימיגראציע קיין פאלעסטינע, אויב דער אידישער ישוב וועט זיך פאראייניגן מיט די אראבער אויף אויסצואווירקן די זעלבשטענדיגקייט פון פאלעסטינע. אונזער ענטפער אויף דער באשולדיגונג, אז מיר פריידיגן א פאליסי פון ווארטן ביז די אראבער וועלן צושטימען צו אידישער אימיגראציע, איז דעריבער אזא: מיר פריידיגן א דעמאקראטישע לייזונג פאר דער פאלעסטינער פראגע, ווייל נאר אויף אזא אופן קאנען געלייזט ווערן די נאציאנאלע פראבלעמען פון דעם ישוב, ווי פון די אראבער, און נאר אזא לייזונג וועט עפענען די טירן פון פאלעסטינע פאר אידישער אימיגראציע אונטער באדינגונגען פון פרידן, זיכערקייט און פרייער נאציאנאלער אנטוויקלונג. דער אויסוואל איז ניט צווישן אט־דער פאליסי און פרייער אימיגראציע קיין פאלעסטינע, נאר צווישן דער דאזיגער פאליסי און בריטישן טעראר, אומזיכערקייט, ליידן פאר דעם ישוב אין פאלעסטינע און מער ליידן פאר די אויסגעווארצלטע אידן אין די דייטשע „די־פי" לאגערן, און די כסדר'דיגע געפאר פון אראביש־אידישן נאציאנאלן שטרייט אונטער אימפעריאליסטישע און שאוויניסטישע פראוואקאציעס.

עס לאזט זיך דענקען, אז די ציוניסטישע פירערשאפט קאן אפשר איינהאנדלען א „מציאה" ביים בריטישן אדער אנגלא־אמעריקאנישן אימפעריאליזם און אויסווירקן א געוויסע מאס אידישע אימיגראציע קיין פאלעסטינע. אבער דער פרייז פאר אזא „בארגען" וואלט געווען — פארראט

געגן דעם רעכט אויף נאַציאָנאַלער פרייהייט פאַר דעם ישוב. דאָס וואָלט געמיינט ווייטער אונטערוואַרפן דעם ישוב צו אימפעריאַליסטישער אונטערדריקונג און אָנהאַלטן די באַדינגונגען, וואָס רייצן־אויף נאַציאָ־נאַלן שאָוויניזם און נאַציאָנאַלן שטרייט צווישן אידן און אַראַבער.

גענוי, וואָס איז אונזער שטעלונג בנוגע אידישער אימיגראַציע קיין פאַלעסטינע? צי אָנערקענען מיר און שטיצן דאָס רעכט פון אידן צו אימיגרירן און זיך באַזעצן אין פאַלעסטינע? יאָ, מיר אָנערקענען און שטיצן דאָס דאָזיגע רעכט, אויך מיר קעמפן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם רעכט. דאָס איז אַן אַלגעמיין דעמאָקראַטיש רעכט, וואָס זיין פאַר־ווירקלעכונג איז דורכאויס נויטיג פאַר דער פרייער נאַציאָנאַלער אַנט־וויקלונג פון דעם ישוב אין אַ פרייער און דעמאָקראַטישער פאַלעסטינע.

ווי אַזוי שלאָגן מיר פאָר צו פאַרווירקלעכן דאָס רעכט אויף אידישער אימיגראַציע אין פאַלעסטינע? אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן. דורך פאַר־שטענדיגונג צווישן די אידן און די אַראַבער אין פאַלעסטינע אונטער דער אויפזיכט און מיט דער הילף פון די „יונאַיטעד נעישאָנס” אָדער פון די „גרויסע דריי” אין די ראַמען פון די „יונאַיטעד נעישאָנס”.

זיינען דאָ אַנדערע וועגן אויף צו פאַרווירקלעכן דאָס רעכט אויף פרייער אידישער אימיגראַציע קיין פאַלעסטינע? עס זיינען ניטאָ קיין אַנדערע וועגן אויף צו פאַרווירקלעכן דאָס דאָזיגע רעכט אין דער נאָענטער צוקונפט, און ס'איז בכלל ניטאָ קיין אַנדער דעמאָקראַטישער וועג חוץ אַ פולשטענדיגע אַראַביש־אידישע פאַרשטענדיגונג וועגן אַ זעלבשטענ־דיגער פאַלעסטינע פון אַראַבער און אידן, וואָס זאָל גאַראַנטירן די נאַציאָ־נאַלע רעכט פון ביידע פעלקער. אַ פאַרשטענדיגונג מיטן אימפעריאַליזם, בריטישן צי אַנגלאָ־אַמעריקאַנישן, קאָן אפשר ברענגען אַ געוויסע מאָס אימיגראַציע, אָבער פאַר דעם פרייז פון דער פרייער נאַציאָנאַלער אַנט־וויקלונג פון דעם ישוב, פאַר דעם פרייז פון אַ פרייער נאַציאָנאַלער היימ־לאַנד פאַר די פאַלעסטינער אידן, און פאַר דעם פרייז פון פרידן און זיכערקייט פאַר ביידע פעלקער.

די איינציגע פראַקטישע לייזונג פאַר דער נאָענטער צוקונפט איז דעריבער אַזעלכע, וואָס באַזירט זיך אויף אַן אַראַביש־אידישער פאַר־שטענדיגונג אונטער דער אויפזיכט פון די „יונאַיטעד נעישאָנס”.

ס'איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז די אידישע מאַסן וועלן ניט פאַרשטיין אונזער שטעלונג אין דער פראַגע פון אימיגראַציע און אַז זי איז אויס־געשטעלט צו מיסרעפּרעזענטאַציעס און אַטאַקעס מצד די רעאַקציאָנערן. אַז די רעאַקציאָנערן וועלן פאַרלוימדן און אַטאַקירן אונזער שטעלונג. איז גאַנץ זיכער. דאָס אייגנטלעך טוען זיי שוין איצט. ס'איז אָבער ניט אמת, אַז די אידישע מאַסן וועלן ניט פאַרשטיין אונזער שטעלונג. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אַן ענלעכע שטעלונג איבער אימיגראַציע איז אויסגעדריקט געוואָרן אויף אַן אויסגעשפּראָכענעם אופן אין דעם מעמאָראַנדום פון דעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן צו דער לעצטער קאָנווענשאָן פון דעם

אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. וואָס האָט פּאַסירט? די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן אויפגענומען דעם מעמאָראַנדום ווי אַ באַרעכטיגטע און וויכטיגע שטעלונג פון אַ טייל פון אידישן פאָלק, בעת די רעאַקציאָנערן האָבן געפונען זייער ווייניג אומבאַשיצטע פּונקטן פאַר זייערע אַטאַקעס, כאָטש זיי האָבן פאַרלוימדט און פאַרקריפּלט די שטעלונג ווי אַ גאַנצע.

נאָך אַ ביישפּיל קאָן מען געפינען אין דעם אָפענעם בריוו פון דער „מאָרגן-פרייהייט אַסאָסיאיישאָן„ צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ אין יוני פון 1946. דער בריוו פאַרקערפּערט אַ שטעלונג איבער אימיגראַציע און איבער דער פּאַלעסטינער פראַגע בכלל, וואָס מיר שטיצן. האָבן די רעאַקציאָנערן געפונען וועלכע ס'איז באַזונדער-שוואַכע פּונקטן אין דער דאָזיגער שטעלונג? אויב יאָ, האָבן זיי דאָס ביז איצט ניט אויסגענוצט. דער אמת איז, אַז די שטעלונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין דעם אָפענעם בריוו, האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אין ברייטע אידישע קרייזן, האָט געקראָגן די גוטהייסונג פון דעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן און פון אַמעריקאַנער אידישן אַרבעטער-קאָונסיל, און זאָגט-צו צו ווערן אַ וויכטיג מיטל אויף צו מאָביליזירן די שטיצע פון פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער עלעמענטן פאַר אַ דעמאָקראַטישער לייזונג פון דער פּאַלעסטינער פראַגע.

נאָך אַ ביישפּיל איז דער אָפענער בריוו צו ראַבאַי סילווער, וואָס אַ צאָל פּראָגרעסיווע אידישע פירער אויף פאַרשיידענע געביטן האָבן אַרויס-געלאָזט. די סילווער-חסידים האָבן אַטאַקירט דעם בריוו ווי אַן אויסדרוק פון „פּאַרטיי-ליניע” און פון שטיצן די פּאָליסים פון דעם סאָוועטן-פאַר-באַנד. צי האָבן אָבער די דאָזיגע אַטאַקעס געפונען וועלכע ס'איז שוואַכע פּונקטן אין דער פּראָגרעסיווער שטעלונג צו אידישער אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע? אויב יאָ, ווייסן מיר ניט דערפון. די דאָזיגע פּאָזיציע האָט פולשטענדיג אויסגעהאַלטן די פּראָבע.

מען דאַרף אָבער אויך צוגעבן, אַז ביים אָנווענדן די דאָזיגע פּאָליסי אין די מאַסן-באַוועגונגען און באַזונדער אין געמיינשאַפטלעכע אַקציעס מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע שטרעמונגען, דאַרפן מיר אַרויסווייזן די נויטיגע בויגזאַמקייט. דאָס טוען מיר איצט. געטריישאַפט צו פּרינציפּן און בויגזאַמקייט אין טאַקטיק איז און דאַרף בלייבן אונזער וועג-ווייזער. אונזער שטעלונג צו אימיגראַציע קומט-נאָך דעם דאָזיגן באַדינג. זי פאַר-טיידיגט די אינטערעסן און רעכט פון אונזער פאָלק. זי איז דעמאָקראַטיש און אין איינקלאַנג מיט אונזערע מאַרקסיסטישער פּרינציפּן. זי מאַכט מעגלעך פאַר אונז צו קאָאָפּערירן מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע אידישע כחות פאַר געמיינשאַפטלעכע צילן.

מיר דאַרפן אויך דעמאַסקירן נאָך אַ פאַרלוימדערישע פאַרקריפּלונג פון אונזער שטעלונג, וואָס דער „פאָרווערטס” האָט אָנגעהויבן און וואָס געוויסע רעאַקציאָנערע ציוניסטן טוען-נאָך. זיי זאָגן, אַז אונזער רעזאָ-לוציע גיט-אויף אונזער פריערדיגע שטיצע פאַר דעם אויפבוי פון אַ

נאציאָנאַלן אידישן היימלאַנד אין פּאַלעסטינע, אָדער אַז זי באַטראַכט די נאַציאָנאַלע רעכט פון דעם ישוב ווי די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדער־הייט אין דעם מזרח־אייראָפּייאישן זין. דער אמת איז, אַז אונזער רעזאָ־לוציע — להיפוך דער אָפיציעלער ציוניסטישער פירערשאַפט — באַטראַכט פּאַלעסטינע ווי אַ לאַנד פון צוויי פעלקער, אַ לאַנד פון צוויי זיך־אַנט־וויקלענדיגע נאַציאָנאַליטעטן, אידן און אַראַבער. מיר גלויבן, אַז ביידע פעלקער האָבן גלייכע רעכט צו אַנטוויקלען אַ פרייע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אין זייער געמיינשאַפטלעכן לאַנד; און, להיפוך די רעאַקציאָנערן פון ביידע פעלקער, זיינען מיר קעגן דעם, אַז איין פאָלק זאָל צו זיך אונטער־וואַרפן און אונטערדריקן דאָס צווייטע. דאָס הייסט, אַז מיר שטיצן אין דער פולער מאָס דעם אויפבוי פון אַ נאַציאָנאַלן אידישן היימלאַנד אין פּאַלעסטינע. און מיר זאָגן, אין קאָנטראַסט צו דער ציוניסטישער פירער־שאַפט, אַז דאָס דאָזיגע היימלאַנד וועט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז אין אַ דעמאָקראַטישער און זעלבשטענדיגער פּאַלעסטינע און אַז עס וועט זיין דאָס נאַציאָנאַלע היימלאַנד פאַר די אידן פון פּאַלעסטינע און ניט פאַר די אידן פון אַלע לענדער. געוויסע ציוניסטן מעגן ניט איינשטימען מיט אָט־דער מאַרקסיסטישער שטעלונג אין דער פראַגע וועגן אַ אידישן היימ־לאַנד אין פּאַלעסטינע. און זיי זיינען טאַקע ניט איינשטימיג. אָבער דאָס איז ניט קיין גרונד פאַר מיספאַרשטיין אונזער שטעלונג אָדער פאַר פאַר־קריפּלען זי. נאָך מער, באַדייטנדיגע טיילן פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין פּאַלעסטינע גופא, די מער פּראָגרעסיווע עלעמענטן, גייען שוין אַ לאַנגע צייט אין דער ריכטונג פון אַ שטעלונג איבער דעם נאַציאָנאַלן היימלאַנד, וואָס איז באַזירט אויף דער אָנערקענונג, אַז פּאַלעסטינע איז אַ לאַנד פון צוויי פעלקער. מיר האָפן, אַז די דאָזיגע פּראָגרעסיווע עלע־מענטן צווישן די ציוניסטן וועלן עס געפינען פאַר מעגלעך צו ציען אַלע פּראַקטישע שלוסן פון אָט־דער אָנערקענונג, ספּעציעל בנוגע אַראַביש־אידישער פאַרשטענדיגונג פאַר אַ זעלבשטענדיגער פּאַלעסטינע.

.3

פּראָבלעמען פון דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע

דער דריטער טייל פון אונזער רעזאָלוציע באַהאַנדלט דעם אינהאַלט און די פאָרמען פון אונזער אַרבעט אין דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָ־נאַלער גרופּע. איך פאַרשפּאַר באַטאָנען ווי וויכטיג דער דאָזיגער טייל פון דער רעזאָלוציע איז פון טעאָרעטישן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. דאָס האָבן שוין אָנערקענט פריינט און שונאים צוגלייך. עס ווערט דאָ פאַר׳סך־הכל׳ט דער געדאַנקען־גאַנג און די פּראַקטישע דערפאַרונג פון אונזער באַוועגונג אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַלע גרופּן אין משך פון

אַ יאָר 30 און מאַכט מעגלעך פאַר אונז צו פאַנאַנדערוויקלען די פרוכט־באַרסטע טעטיקייטן פאַר דעם אויפבוי פון אידישער אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט אויף צו פאַרטיידיגן די רעכט פון אונזער פאָלק, אַנטוויקלען אַ פּראָגרעסיוו אידיש לעבן און בויען די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

מיר דאַרפן באַנעמען אין דער פולער מאָס דעם גרונד־געדאַנק פון אונזער שטעלונג אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַלע גרופּן. דער גרונד־געדאַנק איז — צו באַגעגענען די ספּעציעלע פּראָבלעמען און באַדערפע־נישן פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע ווי אַ גרופּע און צו טאָן דאָס אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל שטאַרקן די אייניגקייט פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס און די דעמאָקראַטישע פאַראייניגונג און וואוקס פון דער אַמערי־קאַנער נאַציע. דאָס איז ניט איינפאַך און ניט גרינג. מיר וועלן כסדר זיין אויסגעשטעלט צו די געפאַרן פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם פון איין זייט און פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם פון דער אַנדערער זייט. מיר וועלן דעריבער דאַרפן סיסטעמאַטיש באַקעמפןביידע געפאַרן און זיך האַלטן פעסט אָן אונזער רעזאָלוציע און דער מאַרקסיסטישער פירערשאַפט פון אונזער פאַרטיי.

מיר דאַרפן דאָ ברייטער באַשפּרעכן דעם פאַקט, אַז מיר האָבן אין אַמעריקע אַן אייגנאַרטיגע סיסטעם פון אונטערדריקטע פעלקער, וואָס ווערן געוויינטלעך באַצייכנט ווי מינאָריטעטן, אַ סיסטעם פון אונטער־דריקונג און דיסקרימינאַציעס. צוערשט קומט דאָס נעגער־פאָלק, פאַר וועלכן די ווייסע הערשנדיגע קלאַסן האָבן געשאַפן אַ רעזשים פון נאַקעטער און ברוטאַלער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אין דעם אַזוי־גערופענעם „שוואַרצן פּאַס” אין דער סאַוט, וואו דאָס נעגער־פאָלק אַנטוויקלט זיך ווי אַ נאַציאָנאַליטעט, און אַ סיסטעם פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציעס אין אַלע אַנדערע טיילן פון לאַנד. נאָך די נעגערס קומען די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּן: די אידן, איטאַליענער, פּאָליאַקן, רוסן, אוקראַינער, אונגאַרן, ליטווינער, יוגאָסלאַוון, טשעכן און אַנדערע. דאָס זיינען ניט קיין באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן און אויך ניט קיין נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעטן פון דעם מזרח־איירּאָפּייאישן טיפּ. זיי זיינען בפירוש אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע גרופּירונגען, וואָס שפּילן היסטאָריש אַ פּראָ־גרעסיווע ראָל אין דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער נאַציע.

עס דאַרף באַמערקט ווערן דער אויסגעשפּראָכענער פאַקט, אַז די מאַסן פון די דאָזיגע נאַציאָנאַלע גרופּן, ווי גרופּן, ווערן אונטערדריקט און דיסקרימינירט מצד דער אַזוי־גערופענער „העכערער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע”. די דאָזיגע דיסקרימינאַציעס, ווי מיר ווייסן, זיינען עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטורעלע און סאָציאַלע. זיי נעמען אָן אַ סך פאַרשיידענע פאָרמען, און ניט אַלע גרופּן ווערן אונטערדריקט און דיסקרימינירט אין דער זעלביגער מאָס. אָבער וואָס די פאָרמען זאָלן ניט זיין, טראָגט דער אינהאַלט פון די דאָזיגע דיסקרימינאַציעס אַ גאַנץ באַשטימטן נאַציאָנאַלן

כאַראַקטער; און דער הויפּט־קוואַל פֿון די דאָזיגע דיסקרימינאַציעס ליגט אין דעם אימפּעריאַליזם, אין דער הערשאַפֿט פֿון די טראַסטס און מאָנאָפּאָליעס, אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם בכלל. דאָס זיינען די זעלביגע קוואַלן, פֿון וועלכע עס שטאַמען די רעאַקציאָנערסטע קרייזן פֿון פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל, וואָס שפּייזן און שטיצן דעם פֿאַשיזם. דאָס הייסט, אַז אַנטיסעמיטיזם גופא, וואָס איז איינע פֿון די שטאַרקסטע וואָפֿן פֿון אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע אין אַמעריקע געגן די פּראָגרעסיווע כוחות פֿון אַמעריקאַנער פֿאָלק, איז איינע פֿון די פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און פֿאַרפֿאָלגונג. די מעקסיקאַנער און פּאָרטאָ־ריקאַנער אין אַמעריקע פֿאַרנעמען אַ ספּעציעלע פּאָזיציע אין דעם דאָזיגן סיסטעם פֿון נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציעס.

אונזער רעזאָלוציע פֿאָדערט אַ ווייטערדיגן שטודיום וועגן דעם וואוקס פֿון די נאַציאָנאַלע גרופּן און די פּערספּעקטיוון פֿון זייער אַנטוויקלונג. אַזאַ שטודיום וועט דאַרפֿן אויספֿאָרשן די אַנטשטייאונג פֿון די נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָס וואַקסן אַרויס פֿון פֿאַרשיידענע אימיגראַנטישע גרופּירונגען, וועלכע האָבן אַ געמיינשאַפֿטלעכן נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם. עס וועלן אויך דאַרפֿן אויסגעפֿאָרשט ווערן די אייגנאַרטיגע שטריכן פֿון די עלטערע און נייערע איבערוואַנדערונגען און זייער ווירקונג אויף דער שטופֿע פֿון דיסקרימינאַציעס אָדער פּריווילעגיעס פֿאַר פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּן. מיר וועלן דאַרפֿן פֿעסטשטעלן מער פּינקטלעך די באַדייטונג פֿון פֿאַרשיידענע ווירקונגען אין דעם לעבן פֿון די נאַציאָנאַלע גרופּן: דאָס קאָמפּאַקטע צוזאַמענוואוינען אין געוויסע טיילן פֿון לאַנד און אין געוויסע טיילן פֿון סטעיטס און שטעט; די כאַראַקטעריסטישע הויפּט־באַשעפֿטיגונגען אין יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע און אירע אייגנאַרטיגע קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן אין די ראַמען פֿון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט מיט אירע קלאַסן־פֿאַרהעלטענישן; די קולטורעלע און פֿאָלקישע שטריכן פֿון דער גרופּע ווי זיי זיינען פֿאַרענדערט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פֿון דער אַמעריקאַנער סביבה און לעבן־שטייגער; די ווירקונג פֿון די איינפֿלוסן פֿון די היים־לענדער און דער קאָנקרעטער קורס פֿון דעם קאַמף געגן דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג מצד דער אַזוי־גערופֿענער „העכערער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע”, פֿון דעם קאַמף פֿאַר גלייכע רעכט, פֿאַר פֿרייער און פֿרייוויליגער אינטעגראַציע מיט דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן, להיפּוך דער אַסימילאַציע, וואָס ווערט אַרויפֿגעצוואונגען דורך די הערשנדיגע גרופּן.

עס דאַרף ווערן די שטרעבונג פֿון אַמעריקאַנער אידישע מאַרקסיסטן דורכצופֿירן אַזוינע אויספֿאָרשונגען פֿאַר דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע. דאָס וועט באַרייכערן אונזער אידעאָלאָגישע אַרבעט און זי זייער פֿיל פֿאַרשטאַרקן פּאָליטיש. דאָס וועט מעגלעך מאַכן פֿאַר אונז צו פֿירן אַ זייער ווערקזאַמען קאַמף געגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציאָניזם און פֿאַר אונזערע מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס.

דער קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיווער קולטור

וואָס נאָך דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיווער אידישער קולטור? צוויי זאַכן. ערשטנס, שטייט ניט דער קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיווער אידישער קולטור אין קיין שום ווידערשפּרוך צום קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיווער קולטור פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק בכלל. פאַרקערט, ס'איז אַן אָרגאַנישער טייל דערפון. צווייטנס, שטייט ניט דער קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיווער אידישער קולטור אין קיין שום ווידערשפּרוך צו דער לעניניסטישער געגנערשאַפט צום לאָזונג וועגן „נאַציאָנאַלער קולטור" אונטערן קאַפּיטאַליזם אָדער צו דער לעניניסטישער אָריענטאַציע וועגן דער ענדגילטיגער צונויפשמעלצונג פון אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן אין איין אַל-וועלטלעכער סאָציאַליסטישער קולטור. פאַרקערט, דער קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיווער אידישער קולטור איז אין פולן איינקלאַנג מיט דער לעניניסטישער פּאָזיציע.

מיר וועלן צוערשט באַהאַנדלען דעם צווייטן פּונקט. סטאַלין'ס באַרימטע אויספאָרשונג פון דער פראַגע האָט פעסטגעשטעלט די פאָלגנדיגע פאַקטן: 1. „לענין האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז נאַציאָנאַלע שפּראַכן וועלן צונויפגעשמאָלצן ווערן אין איין געמיינשאַפטלעכער שפּראַך אין די גרענעצן פון איין מלוכה, איידער דעם זיג פון דעם סאָציאַליזם אויף אַ וועלט-פאַרנעם". 2. „לענין האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז די אָפּשאַפונג פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און די צונויפשמעלצונג פון די אינטערעסן פון נאַציאָנאַליטעטן אין איין גאַנצקייט איז דאָס זעלביגע ווי די אָפּשאַפונג פון נאַציאָנאַלע אונטערשיידן." 3. „לענין האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז דער לאָזונג וועגן אַנטוויקלען נאַציאָנאַלע קולטור אונטער דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז אַ רעאַקציאָנערער לאָזונג." *)

עס איז דעריבער קלאָר, אַז די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע קולטורן אין סאָציאַליסטישע לענדער איז ניט בלויז אין איינקלאַנג מיט סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, נאָר אַז דאָס ווערט אויף אַן אמת'ן מעגלעך בלויז אונטערן סאָציאַליזם; און אַז די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע קולטורן וועט אָנגיין אַפילו נאָכדעם ווי עס וועט איינגעפירט ווערן סאָציאַליזם אויף אַ וועלט-פאַרנעם. דעריבער איז עס ניט-מאַרקסיסטיש און ניט-רעאַליסטיש צו אָריענטירן זיך אויף דעם שנעלן פאַרשווינדן פון נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, שפּראַכן און קולטורן.

אָבער דאָס הייסט ניט, אַז מיר דאַרפן אויפהויבן דעם לאָזונג פון קאַמף פאַר אַ אידישער „נאַציאָנאַלער" קולטור. מיר זאָגן דאָס נישט דערפאַר וואָס נאַציאָנאַלע קולטור פּאַרט זיך ניט מיט סאָציאַליזם, נאָר ווייל נאַציאָנאַלע קולטור אונטער דער אויבערהערשאַפט פון דער בורזשואַזיע

---

*) סטאַלין'ס „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פראַגע", ענגלישע אויסגאַבע, זז. 257-259.

איז אַ קולטור, וואָס איז בורזשואַז אין אינהאַלט און וואָס „איר צוועק איז אָנצושטעקן די מאַסן מיטן מיקראָב פון נאַציאָנאַליזם און צו פאַרשטאַרקן די אויבערהערשאַפט פון דער בורזשואַזיע".*) אַט דערפאַר האָט לענין באַטראַכט דעם לאָזונג וועגן „נאַציאָנאַלער קולטור" אונטער דער אויבערהערשאַפט פון דער בורזשואַזיע ווי אַ רעאַקציאָנערן לאָזונג. אָבער דערביי „האָט לענין דערלאַנגט אַ קלאַפ דעם בורזשואַזן אינהאַלט פון נאַציאָנאַלער קולטור און ניט איר נאַציאָנאַלער פאָרם". **)

דאָס הייסט, אַז די הערשנדיגע קולטור, און ניט די גאַנצע קולטור פון אַ פאָלק אונטערן קאַפּיטאַליזם, איז בורזשואַז אין אינהאַלט. עס הייסט אויך, אַז אין לענדער, וואו די בורזשואַזיע הערשט, אַנטשטייען קולטור־באַוועגונגען און עס ווערן געשאַפן און פאַרשפּרייט קולטור־ווערטן, וואָס זיינען ניט בלויז ניט בורזשואַז אין אינהאַלט, נאָר וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן, די קאַמפן און די פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון די פאָלקס־מאַסן. געוויסע פון אָט־די קולטור־באַוועגונגען און ווערטן דערגרייכן צו אַזאַ הויכער פּראָגרעסיווער שטופע, אַז זיי שפּיגלען אָפּ די היסטאָרישע באַפרייאונגס־מיסיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיגע באַוועגונגען און קולטור־ווערטן זיינען, נאַטירלעך, נאַציאָנאַל אין פאָרם, כאָטש זיי זיינען ניט די הערשנדיגע קולטור פון דער נאַציע, און זיי פירן אַ כסדר'דיגן קאַמף געגן דער אויבערהערשאַפט פון דער בורזשואַזיע אין דעם קולטור־לעבן פון לאַנד און פאַר דער אויסברייטערונג פון דעם איינפלוס פון דער פּראָגרעסיווער קולטור פון די פאָלקס־מאַסן.

דעריבער הויבן מיר אויף אין דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע דעם לאָזונג פון אַ פּראָגרעסיווער אידישער מאַסן־קולטור און ניט פון אַ נאַציאָנאַלער אידישער קולטור, אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער פּאָזיציע פון אונזער פּאַרטיי פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַמעריקאַנער פאָלקס־קולטור.

אויב אַזוי, איז אין וועלכן זין רעדן מיר וועגן אַ פּראָגרעסיווער קולטור פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, דאָס הייסט — פון די אידן אין אַלע לענדער? מיר באַזירן זיך קודם כל אויף דעם אָביעקטיוון פאַקט, אַז ס'איז פאַראַן אַ קולטור פון דעם אידישן פאָלק ווי אַ פאָלק, דאָס הייסט — אַ קולטור, וואָס דריקט אויס דעם אידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס דאָס איז איינער פון די נאַציאָנאַלע אַטריבוטן (כאַראַקטער־שטריכן) פון דעם אידישן פאָלק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אידן פון אַלע לענדער. מיר דאַרפן אָבער אַריינגעמען אין חשבון נאָך אַן אָביעקטיוון פאַקט — אַז דאָס אידישע פאָלק לעבט אין אַ סך לענדער אונטער פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען און אַנטוויקלט פאַרשיידענע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. דער דאָזיגער פאַקט מאַכט ניט צו־נישט די עקזיסטענץ

---

*) פון זעלביגן קוואַל, ז. 260.

**) דאָרט, ז. 260.

פון אַ אידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס איז פאַרקערפּערט אין אידישער קולטור אָפּגעזען פון דעם לאַנד, וואו די אידן וואוינען. ער באַווירקט אָבער דעם אינהאַלט פון די אידישע קולטור־ווערטן אין פאַרשיידענע לענדער און שאַפט געוויסע שפּראַך־פּראָבלעמען. עס זעט אויס צו זיין די טענדענץ פון אידישער קולטור צו געפינען אַן אויסדרוק אין מער ווי איין שפּראַך, אין דער מערהייט פאַלן — אין אידיש און אין דער לאַנד־שפּראַך, וואָס ביי אונז איז דאָס ענגליש.

אויף דעם גרונד פון די דאָזיגע באַטראַכטונגען קאָנען מיר זאָגן דאָס פאָלגנדיגע וועגן דער שייכות צווישן פּראָגרעסיווער אַמעריקאַנער אידישער קולטור און פּראָגרעסיווער אידישער קולטור בכלל, דאָס הייסט — וועגן דער קולטור פון אידישן פאָלק ווי אַ פאָלק. מיר מאַכן אַ ביישטייער צו דער אַגעמיינער אידישער קולטור שוין דערמיט אַליין, וואָס מיר שאַפן אַמערי־קאַנער אידישע קולטור־ווערטן. דאָס איז ריכטיג בנוגע די אידן פון אַלע אַנדערע לענדער. אַזוי אַרום פירן מיר אַלע פאָראויס די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אונזער פאָלק און באַרייכערן זיין געמיינשאַפטלעכן קול־טור־אוצר. ווייטער: מיר פאַרקערן קולטורעל מיט די אידן פון אַנדערע לענדער און באַאיינפלוסן אַזוי אַרום איינע די אַנדערע, וואָס דערמיט באַנייען מיר און קרעפטיגן נאָכאַנאַנד אין אונזער קולטור דעם אידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. צולעצט, קאָנען מיר שאַפן און מיר שאַפן טאַקע געמיינשאַפטלעכע קולטור־ווערטן, און אויף דעם דאָזיגן געביט קאָנען די סאָוועטישע אידן שפּילן, און זיי שפּילן, אַ זייער וויכטיגע ראָל.

קורץ, מיר רעדן וועגן אַ פּראָגרעסיווער אידישער קולטור פון דעם אידישן פאָלק ווי אַ גאַנצן אין דעם זין פון אַ קולטור, וואָס פאַר־קערפּערט אידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און דריקט־אויס די געמיינשאַפט־לעכע פּראָגרעסיווע שטרעבונגען פון די מאַסן פון אונזער פאָלק אין אַלע לענדער, אָפּגעזען פון די פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען, אונטער וועלכע זיי לעבן און פון די פאַרשיידענע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ, וואָס זיי אַנטוויקלען. מיר רעדן וועגן אַ פּראָגרעסיווער אידישער קולטור, וואָס נעמט אַרום די קולטור־שאַפונגען פון די אַמעריקאַנער אידן, די סאָוועטישע אידן אין בירָאבידזשאַן, דעם ישוב אין פּאַלעסטינע, די אידישע ישובים אין פראַנקרייך, פּוילן און אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער, די אידישע ישובים אין ענגלאַנד און אין די מדינות (דאָמיניאָנס) פון דער בריטישער אימפּעריע, ספּעציעל אין קאַנאַדע, און אין לאַטיין־אַמעריקע. דער קאַמף פאַר אַזאַ פּראָגרעסיווער קולטור איז אַ קאַמף פאַר אַ פּראָ־גרעסיוון אידישן לעבן, פאַר דעם קיום און וואוילשטאַנד פון אונזער פאָלק, פאַר פאָרשריט און דעמאָקראַטיע בכלל.

וואָס איז שייך דער גאָר וויכטיגער פראַגע וועגן דער פאַרהעלטעניש צווישן דעם קאַמף פאַר אַן אַמעריקאַנער אידישער קולטור און דעם קאַמף פאַר אַן אַלגעמיינער פּראָגרעסיווער קולטור פון אַמעריקאַנער פאָלק, דאַרף וועגן דעם געזאָגט ווערן דאָס פאָלגנדיגע:

ערשטנס, איז אַמעריקאַנער אידישע קולטור אַמעריקאַניש, אַן אָר־גאַנישער טייל פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער קולטור, פונקט ווי די אַמעריקאַנער אידישע נאַציאָנאַלע גרופּע איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַמעריקאַנער נאַציע. יעדע קולטור־באַוועגונג און ווערט, וואָס ווערט געשאַפן דורך דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע, ווערט אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער קולטור און העלפט איר ווייטער־דיגע אַנטוויקלונג. אַזוי אַרום מאַכט די אַמעריקאַנער אידישע נאַציאָנאַלע גרופּע, ווי אַנדערע אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע גרופּן, איר ביישטייער צום אויפבוי און דער אַנטוויקלונג פון דער פיל־קולטורעלער אַמעריקאַנער נאַציע. אָבער די אַמעריקאַנער נאַציע אַנטוויקלט זיך ניט בלויז ווי אַ פיל־קולטורעלע נאַציע, נאָר הויבט אויך אָן אַנטוויקלען פּראָגרעסיווע קולטור־ווערטן פון אַן אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער כאַראַקטער. און אויך אין דעם דאָזיגן פּראָצעס זיינען אַמעריקאַנער אידן אַקטיוו באַטייליגט. מען קאָן, הייסט עס, זאָגן, אַז די פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער אידן באַ־טייליגן זיך אין דער אַנטוויקלונג פון אַ פּראָגרעסיווער קולטור פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק ווי אַ גאַנצן אויף צוויי אופנים: דורך שאַפן און פאַר־שפּרייטן קולטור־ווערטן פון דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע און דורך שאַפן און פאַרשפּרייטן קולטור־ווערטן פון אַ געמיינ־שאַפטלעכן, אַלגעמיין־אַמעריקאַנער כאַראַקטער. און דאָס איז ריכטיג בנוגע אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלע גרופּן.

צום שלוס פון דער באַטראַכטונג וועגן דעם דריטן און לעצטן טייל פון אונזער רעזאָלוציע, וואָלט איך וועלן נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן, אין דער אָרדענונג פון זעלבסט־קריטיק, די פאָלגנדיגע צוויי פּונקטן. איין פּונקט איז, אַז בעת מיר שטייען אין דעם אידישן פעלד פאַר צוויי געפאַרן — דער דרוק פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און פון בורזשואַזן אַסימי־לאַציאָניזם — זיינען מיר, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין דער אַרבעט, באַגאַנגען פעלערן דער עיקר דורך נאָכגעבן דעם דרוק פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. דעריבער דאַרפן מיר זיך קאָנצענטרירן דער עיקר אויף קאָרעגירן און באַזייטיגן די פעלערן, וואָס קומען פון ניט גענוג ווידער־שטאַנד געגן די איינפלוסן פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. דער צווייטער פּונקט איז וועגן דער נויטיגקייט צו באַקעמפן דעם דרוק פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם און נאַציאָנאַלן ניהיליזם. אַלע דאַרפן מיר באַקעמפן די דאָזיגע דרוקן, אָבער ספּעציעל דאַרפן דאָס טאָן יענע חברים, וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט אונטערשאַצט פּאַרטיי־אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן און זיינען געווען גענויגט צו פאַרמישן די מאַרקסיסטיש־לעניניס־טישע שטעלונג אין דער אידישער פראַגע מיט נאַציאָנאַלן ניהיליזם און בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם.

דאָ איז נויטיג צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אַ זייער עקסטרעמען פאַל פון קאַפּיטולירן פאַרן דרוק פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם און נאַציאָנאַלן ניהיליזם, — אַ פאַל, וואָס מיר באַגעגענען דאָ און דאָרט צווישן

אָפּגעזונדערטע אינדיווידועלע קאָמוניסטן, אַ רעשטל פון דער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, וואָס קאָן נאָך אַלץ אָנטאָן אַ געוויסע מאָס שאָדן.

דער דאָזיגער עקסטרעמער פאַל פון קאַפּיטולירן פאַר די דרוקן פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם און נאַציאָנאַלן ניהיליזם קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן אַזוי: ער באַטראַכט די נאַציאָנאַלע גרופּן אין אַמעריקע ווי אַ רעאַקציאָנערע דערשיינונג, אַן אויסדרוק פון אימיגראַנטישער צוריקגעשטאַנענקייט און אומפעיאיגקייט צו ווערן אַמעריקאַניזירט. ער וויל דעריבער, אַז אונזער פּאַרטיי זאָל אַרבעטן פאַר דער פאַרניכטונג פון די נאַציאָנאַלע גרופּן און שלאָגט־פאָר, אין עצם, צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע־גרופּן אַרבעט פון אַלע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און אויך די נאַציאָנאַלע־גרופּן אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער דאָזיגער עקסטרעמער פאַל פון פאַרגאַנגענע טעג לאָזט זיך פילן פון צייט צו צייט, ספּעציעל אויף דעם געביט פון פּראָגרעסיווע פראַטערנאַלע מאַסן־באַוועגונגען. מיט וואָס פאַר אַ רעזולטאַט? מיט דעם רעזולטאַט, אַז פאַר קאָמוניסטן איז געוואָרן שווערער צו באַקעמפן אין די דאָזיגע באַוועגונגען די אמת'ע געפאַרן פון נאַציאָנאַלע אָפּנייגן, וואָס עקזיסטירן, און מיט דעם ווייטערדיגן רעזולטאַט, אַז דער וואוקס פון די מאַסן־באַוועגונגען גופא איז געשטערט געוואָרן.

איינער פון די ערגסטע שטריכן פון דעם דאָזיגן עקסטרעמען פאַל באַשטייט אין דעם, וואָס ער פּאַראַדירט ווי די איינציג־ריכטיגע מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע שטעלונג אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַלע גרופּן און איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל, און אָפּערירט בלויז מיט ציטאַטן פון אונזערע גרויסע לערער. מיר ווייסן אָבער פון דער געשיכטע, אַז ניט איין צוריקטריט פון מאַרקסיזם־לעניניזם איז באַשיצט און פאַרמאַסקירט געוואָרן מיט ציטאַטן פון מאַרקס, לענין און סטאַלין. און מיר קאָנען אויך זען, אַז די כלומרשטע טעאָרעטישע שטעלונגען פון דעם דאָזיגן עקסטרעמען פאַל זיינען אַ קאַריקאַטור אויף מאַרקסיזם אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַלע גרופּן. דאָס איז לחלוטין ניט קיין מאַרקסיזם, נאָר די אָפּשפּיגלונג פון די איינפלוסן פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם צוזאַמען מיט בראָודער־רעוויזיאָניזם.

דער דאָזיגער עקסטרעמער פאַל ווייזט אַרויס אין דער אמת'ן אַ פאַראַכטונג צו די מאַסן פון די נאַציאָנאַלע גרופּן. אויף אַזוי פיל, אַז געוויסע חברים האָבן געפילט, אַז זיי קאָנען באַמערקן שפּורן פון אַנטיסעמיטיזם אין אָט־דער געגנערשאַפט און חוזק־באַציאונג צו אונזער נאַציאָנאַלע־גרופּן אַרבעט בכלל און באַזונדער צו אונזער נאַציאָנאַלע־גרופּע אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דעם עקסטרעמען פאַל, וואָס ער מאַכט צו קליינגעלט די וויכטיגקייט — די אַנטי־פאַשיסטישע וויכטיגקייט — פון דער פריינטשאַפט און קאָאָפּעראַציע צווישן די סאָוועטישע אידן און די אַמעריקאַנער אידן; וואָס ער מאַכט חוזק פון די טיפע נאַציאָנאַלע האָפענונגען פון די פּראָגרעסיווע אידישע

מאסן וועגן דער אנטוויקלונג און דעם דערפאָלג פון דער אויטאָנאָמער אידישער געגנט אין ביראָבידזשאַן. ער וואָלט אויך איינגאַנצן צעשטערט די באַוועגונג פאַר אַנטי־פאַשיסטישער אידישער אייניגקייט פון די דעמאָ־קראַטישע כחות פון אידישן פאָלק אין אַלע לענדער, אויף דעם גרונד, אַז ס׳איז כלמורשט ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ אידיש פאָלק. דער דאָזיגער עקסטרעמער פאַל ווייזט אַרויס בלויז פיינטשאַפט צום קאַמף פאַר אַ פּראָ־גרעסיווער אידישער קולטור אַזוי גוט ווי צו די פּראָגרעסיווע קולטור־אַנטוויקלונגען אין אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן. מיט אַנדערע ווערטער — מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן עקסטרעמען פאַל פון קאַפּיטולירן פאַר דעם דרוק פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם, וואָס צוליב זיין עקסטרעמען כאַראַקטער ווייזט ער אַפילו אַרויס שפּורן פון פאַראַכטונג און שנאה צו די מאַסן פון די נאַציאָנאַלע גרופּן, אַ שטעלונג וואָס איז געוויינטלעך פאַרבונדן מיט דער אידעאָלאָגיע פון ראַסן־הערשאַפט פון די אַנגלאָ־זאַקסישע אימפּעריאַליסטישע הערשנדיגע קלאַסן. עס איז איבעריג צו זאָגן, אַז אונזער פּאַרטיי וועט באַקעמפן די דאָזיגע שטעלונג ביז זי וועט פולשטענדיג אויסגעוואָרצלט ווערן.

דערביי אָבער טאָרן מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז אונזערע פריער־דיגע פעלערן אויף דעם געביט פון אידישער אַרבעט, ספּעציעל מצד די, וואָס זיינען געווען אַקטיוו באַשעפטיגט מיט אַזאַ אַרבעט, זיינען געווען דער רעזולטאַט פון נאָכגעבן דעם דרוק פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. און מיר דאַרפן אויך געדענקען, אַז אונזער קאַמף געגן דעם דרוק פון בור־זשואַזן אַסימילאַציאָניזם, באַזונדער געגן די עקסטרעמע פאַלן, וועט זיין אַלץ מער דערפאָלגרייך, וואָס מער מיר וועלן באַקעמפן די דרוקן פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם.

אונזער ענטפער צום „קאָנגרעס וויקלי״

אין דער ליכט פון אונזער שטעלונג איבער די אַלע וויכטיגע פּראָב־לעמען, וואָס שטייען פאַר דעם אידישן פאָלק און זיין אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָלן מיר זאָגן וועגן דער קריטיק אין דעם עדיטאָריעל פון „קאָנגרעס וויקלי״?

אָט דאָס איז אונזער ענטפער אויף דער באַהויפּטונג פון דעם עדי־טאָריעל אין „קאָנגרעס וויקלי״, אַז די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק זיינען ניט אונזער הויפּט־זאָרג און אַז מיר זיינען ניט פעיאיג זיי צו פאַרטיידיגן ווי געהעריג:

1. די בעסטע און זיכערסטע פאַרטיידיגער פון די רעכט און אינ־טערעסן פון דעם אידישן פאָלק זיינען די אידישע אַרבעטער און זייערע נאָענטסטע פאַרבינדעטע, די אָרעמערע שיכטן פון די מיטל־קלאַסן און די פּראָגרעסיווע אינטעלעקטואַלן און פּראָפעסיאָנאַלן. ניט די מאָנאָפּאָ־ליסטישע בורזשואַזיע און אירע נאָכשלעפּער, ניט די פאַרבינדעטע און

מיטאַרבעטער פון אימפּעריאַליזם, צי דאָס איז דער בריטישער, דער אַמע־ריקאַנישער אָדער דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער, נאָר דער אידישער אַרבע־טער־קלאַס צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און פּראָגרעסיווע כחות אין אידישן לעבן זיינען די אמת'ע וואָרט־זאָגער פון אונזער פאָלק, די פאַרטיידיגער פון זיינע אינטערעסן, דער רוקנביין פון דעם קאַמף פאַר זיין קיום, דער צוזאָג פאַר זיין צוקונפט. אידישע קאָ־מוניסטן זיינען אַ טייל פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס, זיין אַוואַנגאַרד, זיינע אויסגעהאַלטנסטע קעמפער. דעריבער זיינען אידישע קאָמוניסטן, ווי דער אַוואַנגאַרד פון זייער קלאַס, די בעסטע פאַרטיידיגער פון די רעכט און אינטערעסן פון אידישן פאָלק. גראָד דערפאַר וואָס די אידישע קאָמוניסטן זיינען געטריי צו די אידישע אַרבעטער און זייערע פאַר־בינדעטע, דאָס הייסט — צו די מאַסן פון אידישן פאָלק; גראָד דער־פאַר, וואָס די אידישע קאָמוניסטן זיינען געטריי צו דער אידעאָלאָגיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, צום מאַרקסיזם, זיינען זיי די לאָיאַלסטע, די איבער־געגעבנסטע און די מסירת־נפש'דיגסטע קעמפער פאַר דעם וואוילזיין, פאָרשריט און גליק פון דעם אידישן פאָלק.

2. די בעסטע און די זיכערסטע פאַרבינדעטע פון דעם אידישן פאָלק צווישן ניט־אידישע מענטשן אין יעדן לאַנד און אין דער וועלט בכלל זיינען די אַרבעטער־קלאַסן; און וואָס מער די אַרבעטער־קלאַסן זיינען דורכגעדרונגען מיט דער מאַקסיסטישער אידעאָלאָגיע און מיט קאָמוניסטישע פּרינציפּן, אַלץ מער אויסגעהאַלטן און מיליטאַנטיש איז זייער קאַמף אויף צו שטיצן די באַפרייאונגס־קאַמפּן פון אונטערדריקטע פעלקער, אַלץ גרעסער איז זייער בייטראַג צו די באַפרייאונגס־קאַמפּן פון אידישן פאָלק. דעריבער קאָנען אידישע קאָמוניסטן ברענגען באַזונדער־ווערטפולע נוצן פאַר זייער פאָלק גראָד דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַן אָר־גאַנישער טייל פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון זייערע לענדער; גראָד דערפאַר וואָס די אידישע קאָמוניסטן אין יעדן לאַנד זיי־נען פלייש פון דעם פלייש און בלוט פון דעם בלוט פון דער אַלגעמיינער אַנטי־פאַשיסטישער אַרמיי, בראש מיט דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז דער בעסטער און זיכערסטער פאַרבינדעטער אין די קאַמפּן פון אי־דישן פאָלק געגן אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע, געגן אַנטיסעמי־טיזם, פאַר גלייכע רעכט, פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יעדן לאַנד.

דער פאַשיזם איז דער טויטלעכער שונא פון אונזער פאָלק. דאָרט וואו מען דערלויבט דעם פאַשיזם צו וואַקסן, דאָרט מוז אונזער פאָלק שטאַרבן — אין וואָס פאַר פאָרמען זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ זאָל זיך ניט אויסדריקן. אָבער ווער פאַרניכטעט דעם פאַשיזם און ווער קולטי־ווירט און שטיצט אים? צי ווייסט דער „קאָנגרעס וויקלי" דעם ענטפער? דעם פאַשיזם קולטיווירן די אימפּעריאַליסטן און רעאַקציאָנערן, גראָד

אַט־די כחות, אויף וועלכע די אָפיציעלע ציוניסטישע פּאָליטיק אָריענ־טירט זיך פאַר דער לייזונג פון דער אידישער פראַגע, גראַד די רעאַקציאָנערע און פּראָ־פאַשיסטישע כחות, מיט וועמען רעאַקציאָנערע ציוניס־טישע פירער זיינען פאַרבונדן. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אין דעם לעצטן וואַל־זיג פון די רעפּובליקאַנער, אין דעם זיג פון דער הוּאווער־דיוּאי־טעפט־בריקער רעאַקציע, וואָס סטימולירט און שטיצט דעם פאַשיזם אין דער היים און אין אויסלאַנד, טראָגט די ציוניסטישע סילווער־סיגאַל פירערשאַפט אַ היבשן טייל פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

און ווער זיינען די, וואָס פאַרניכטן דעם פאַשיזם? ווער זיינען די רעטער פון אידישן פאָלק? דער דעמאָקראַטישער און אַנטי־פאַשיסטי־שער לאַגער, דער לאַגער פון דעם אַרבעטער־קלאַס און זיינע פּראָגרעסיווע פאַרבינדעטע, דער לאַגער פון וועלכן די קאָמוניסטן קומען, דער זעלביגער לאַגער, וועלכן דער עדיטאָריעל אין „קאָנגרעס וויקלי" דערקלערט צו זיין אומפּייאַיג צו פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק.

3. „קאָנגרעס וויקלי" איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די מאַרק־סיסטישע אָדער קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע איז די אידעאָלאָגיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אָבער פון דעם דאָזיגן אמת פליסן אַרויס אַנדערע אמת'ן, וואָס „קאָנגרעס וויקלי" דערמאָנט ניט. ערשטנס, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער פּראָגרעסיווסטער כח פון זיין פאָלק און זיין בעסטער פאַר־טיידיגער; און צווייטנס, אַז די אידעאָלאָגיע פון דעם ציוניזם און פון אידישן נאַציאָנאַליזם איז אויך אַ קלאַס־אידעאָלאָגיע, נאָר ס'איז די אידעאָלאָגיע פון דער אידישער בורזשואַזיע, דאָס הייסט — די אידעאָ־לאָגיע פון אַ קלאַס, צווישן וועלכן די אימפּעריאַליסטישע רעאַקציע גע־פינט פאַרבינדעטע און מיטאַרבעטער מיט אַ באַדייטנדיגן איינפלוס, אויב אַפילו געוויסע אידישע בורזשואַזע קרייזן זיינען גענייגט אין אַ פּראָ־גרעסיווער ריכטונג און קאָאָפּערירן מיט דעם פּראָגרעסיוון לאַגער.

קורץ, עס זיינען ניטאָ קיין קלאַסנלאָזע אידעאָלאָגיעס. עס זיינען דאָ אידעאָלאָגיעס פון פּראָגרעסיווע קלאַסן און אידעאָלאָגיעס פון רע־אַקציאָנערע קלאַסן. די ערשטע זיינען פּראָגרעסיווע אידעאָלאָגיעס, די צווייטע זיינען רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיעס.

4. יעדע באַהויפּטונג — פון וועלכן קוואַל און צוליב וועלכע מאָ־טיוון זי זאָל ניט קומען — אַז די קאָמוניסטן האָבן אָנגענומען אַ נעגאַ־טיווע און פיינטלעכע שטעלונג צום ישוב אין פּאַלעסטינע, איז ניט אמת, האָט ניט קיין שום גרונט אין דער ווירקלעכקייט און איז ניט מער ווי פאַרלוימדונג און פאַרקריפּלונג. דאָס ברענגט שאָדן דעם ישוב, וועלכער דאַרף האָבן אַלע פאַרבינדעטע און יעדע הילף און שטיצע, וואָס ער קאָן קריגן, כאָטש דאָס קאָן זיין אַ הילף פאַר רעאַקציאָנערער ציוניסטישער פּאָליטיק. עס איז אויך ניט אמת, אַז מיר זיינען געגנעריש אָדער גלייכ־גילטיג צו אידישער אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. און ס'איז אויך ניט אמת, אַז מיר זיינען געגנעריש אָדער גלייכגילטיג צו די פּראָגרעסיווע

אנטוויקלונגען אין דער אידישער קולטור פון פאלעסטינע. אונזער שטעלונג איבער די אלע פראגן איז קרישטאָל־קלאָר. זי איז געמאַכט געוואָרן קרישטאָל־קלאָר דורך דער פּאַרטיי־רעזאָלוציע איבער אידישער אַרבעט. מיר באַטראַכטן דעם ישוב, וואָס אַנטוויקלט זיך ווי אַ נאַציאָנאַליטעט, ווי אַ לעבנס־וויכטיגן טייל פון אונזער פאָלק, און מיר זיינען אַנטשלאָסן צו טאָן אַלץ אין אונזער כח צו העלפן פאַרווירקלעכן די גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט פון דעם ישוב, אַריינגערעכנט די רעכט פון אידן צו אימיגרירן, דורך קעמפן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן לאַגער פון אַנטי־פאַשיזם און דעמאָקראַטיע פאַר אַ דעמאָקראַטישער — און ניט פאַר אַן אימפּעריאַליסטישער, ניט פאַר אַ רעאַקציאָנערער אידיש־אַראַבישער ליזונג פון דעם פּאַלעסטינער קריזיס, — פאַר אַ ליזונג, וואָס וועט פירן צו אַ זעלבשטענדיגער פּאַלעסטינע פון אידן און אַראַבער, וואָס זאָל גאַראַנטירן די גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט פון ביידע פעלקער. מיר גלויבן, אַז אַזאַ ליזונג קאָן ממשות'דיג געהאָלפן ווערן דורך שטעלן פּאַלעסטינע אונטער דער אויפזיכט פון די „יונאַיטעד נעישאָנס”. מיר גלויבן אויך, אַז דער שליסל צו דער ליזונג פון דעם פּאַלעסטינער קריזיס איז אידיש־אַראַבישע איינגקייט פאַר אַ זעלבשטענדיגער מלוכה פון די צוויי פעלקער.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גאַנץ אַנדערש און אין געגנזאַץ צו דער אָפיציעלער ציוניסטישער פּאָליסי ,וואָס דער עדיטאָריעל אין „קאָנגרעס וויקלי” פאַראייגנט ; ס'איז אָבער אַ פּראָגרעסיווע אידישע שטעלונג, וואָס קאָן אַ סך בעסער דינען די אינטערעסן פון אידישן פאָלק ווי דער אָפיציעלער ציוניזם, ספּעציעל די סילווער־סיגאַל אויפלאַגע, און וואָס ווערט געשטיצט דורך באַדייטנדיגע טיילן פון אידישן פאָלק אין אַמעריקע, אין אייראָפּע און — וואָס דאָס איז גאָר וויכטיג — אין פּאַלעסטינע גופא.

5. דער עדיטאָריעל אין „קאָנגרעס וויקלי” איז ניט צופרידן מיט דעם אידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס דאָס אידישע לעבן דאָרט איז ניט גענוג אידיש אין פאָרם, ווי דער עדיטאָריעל האַלט, נאָר דערפאַר וואָס דאָס אידישע לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט. עס איז קלאָר, אַז דער עדיטאָריעל האַלט ניט פון דעם סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, כאָטש עס געפעלט אים די סיסטעם פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און די אמת'ע נאַציאָנאַלע גלייכהייט, וואָס הערשט דאָרט. אָבער וואָס קאָנען מיר טאָן וועגן דעם? ס'איז אַן אָביעקטיווער פאַקט, פון וועלכן מען קאָן ניט אַנטלויפן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַזאַ פולשטענדיגע סיסטעם פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און אמת'ער גלייכהייט און פריינטשאַפט פון נאַציעס און פעלקער גראַד דערפאַר, וואָס ער איז אַ סאָוועטישע סאָציאַליסטישע מלוכה, וועלכע האָט געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע אויף דעם גרונד פון די לערעס פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין. אָט דערפאַר האָבן די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פולשטענדיגע און ווירק־

לעבע, ניט בלויז פֿאָרמעלע, גלייכהייט אין אַלע טיילן פֿון לאַנד און אויף אַלע געביטן פֿון לעבן. אָט דערפֿאַר האָבן די סאָוועטישע אידן איצט די מעגלעכקייט, וואָס אונזער פֿאָלק האָט קיינמאָל אין ערגעץ ניט געהאַט, צו בויען אַ אידישע נאַציע אין ביראָבידזשאַן, אידיש אין פֿאָרם, סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט. אָט דערפֿאַר ווערט אַנטיסעמיטיזם באַהאַנדלט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווי אַ פֿאַרברעכן.

אונזער עצה צו די שרייבער פֿון „קאָנגרעס וויקלי" איז צו אָנערקענען דעם פֿאַקט, אַז נאָך דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין אָקטאָבער, 1917, האָבן אַ סך נאַציעס און פֿעלקער געקראָגן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ נאַציאָנאַל לעבן ניט אויף בורזשואַזע, נאָר אויף סאָציאַליסטישע יסודות; אַז נאַציעס און פֿעלקער האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויף דער ליניע פֿון נאַציאָנאַל אין פֿאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט; אַז דאָס זעלביגע האָט פּאַסירט מיט דעם אידישן פֿאָלק אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; און אַז מיר האָבן דעריבער אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער וועלט פֿאָרמען פֿון אידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וואָס זיינען פֿאַרשיידן אין אינהאַלט און זיינען אין געוויסע לענדער בורזשואַז אָדער הויפּטזאַכלעך־בורזשואַז אין אינהאַלט, ווייל אין אַנדערע לענדער זיינען זיי סאָציאַליסטישער אָדער הויפּטזאַכלעך־סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט; און צולעצט — אַז די דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע און אַנטי־פֿאַשיסטישע כחות פֿון דעם אידישן פֿאָלק אין אַלע לענדער, אָפּגעזען פֿון זייערע סאָציאַלע סיסטעמען, קאָנען קאָאָפּערירן פֿאַר דעם וואוילשטאַנד, פֿאַר דער פֿרייהייט, פֿאַר דעם קיום פֿון אונזער פֿאָלק און קאָנען אַרבעטן צוזאַמען ווי אַ פֿאָלק פֿאַר דעם וואויל פֿון אונזער פֿאָלק.

6. צולעצט — וועגן דער באַזאָרגטקייט פֿון דעם עדיטאָריעל אין „קאָנגרעס וויקלי" צי די אידישע קאָמוניסטן זיינען גרייט אין דער צוקונפֿט צו קאָאָפּערירן מיט אַנדערע אידישע פּראָגרעסיווע כחות. איבער דער דאָזיגער פֿראַגע זיינען אייגנטלעך ניט נויטיג קיין וויטערדיגע פֿאַרזיכערונגען פֿון אונזער זייט. ערשטנס, רעדן אונזערע טאַטן פֿאַר זיך אַליין. מיר דערקלערן, אַז קיין אַנדערע גרופּע אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן האָט ניט קאָאָפּערירט אַזוי לאָיאַל מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע כחות צוליב געמיינשאַפֿטלעכע צילן אויף דעם באַזיס פֿון אַ קלאָרער פֿאַרשטענדיגונג. צווייטנס, האָבן מיר אונזער רעזאָלוציע, וואָס איז געבויט אינגאַנצן אויף דער פּאָליסי פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישער אידישער אייניגקייט פֿון אַל דעמאָקראַטישע כחות. און די שרייבער פֿון „קאָנגרעס וויקלי" ווייסן גאַנץ גוט, אַז קאָמוניסטישע רעזאָלוציעס זיינען ניט סתם ווערטער, נאָר מעשׂים; אַז ביי קאָמוניסטן איז אַ רעזאָלוציע אַ וועג־ווייזער צו אַקציע. און דאָס טאַקע וועט אונזער רעזאָלוציע זיין: אַ וועג־ווייזער פֿאַר דער ווייטערדיגער קאָאָפּעראַציע מיט אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע כחות פֿאַר די רעכט און אינטערעסן פֿון אונזער פֿאָלק. אַז מיר וועלן

פאַרשפּרייטן אונזער מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע, איז איבעריג צו זאָגן. אָבער צי זיינען דען די שרייבער פון „קאָנגרעס וויקלי" ניט באַשעפטיגט מיט פאַרשפּרייטן אַ בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע און דער־צו ניט אין אַ ציוניסטישן זשורנאַל, נאָר אין אַ צייטשריפט פון אַמערי־קאַנער אידישן קאָנגרעס, וועלכער איז אַ ניט־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע?

די „אַמעריקאַנער סצענע" איז פאַר אונז די צענטראַלע און וויכ־טיגסטע סצענע. אַזוי איז דאָס אויך פאַר די מאַסן פון אונזער פאָלק אין אַמעריקע. מיר זיינען דעריבער צופרידן צו פאַרצייכענען, אַז דער עדיטאָריעל אין קאָנגרעס וויקלי" געפינט פאַר מעגלעך צו זאָגן, אַז אין אַ צאָל פונקטן פון אונזער רעזאָלוציע, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַמעריקאַנער סצענע, „קאָנען מיר פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אַזוי גוט ווי אַלע אמת־פּראָגרעסיווע גרופּן, אין עצם זיין איינשטימיג". פאַר אַזאַ איינשטימיגקייט וועלן אַרבעטן און מיר וועלן שטרעבן צו מאַכן דעם קאַמף פאַר אַ פּראָגרעסיוון אידישן לעבן אין אַמעריקע פאַר דעם צענטראַלן און אַל־וויכטיגן קאַמף אין דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע, ווייל דאָס ווערט דיקטירט דורך די בעסטע אינטע־רעסן פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע אַזוי גוט ווי פון אונזער פאָלק אין אַלע אַנדערע לענדער.

צום שלוס בלייבט פאַר מיר צו זאָגן, אַז אויף דעם אידעאָלאָגישן געביט איז די צענטראַלע און וויכטיגסטע אויפגאַבע — דער קאַמף פאַר מאַרקסיזם, פאַר דער מאַרקסיסטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער פראַגע און פון דער אידישער פראַגע; פאַר דער מאַרקסיס־טישער לייזונג פון אַלע וויכטיגע פראַגן פון דער מענטשהייט. אויף וועלכן געביט פון פאַראייניגטער אַנטי־פאַשיסטישער און בכלל פּראָגרעסיווער אַרבעט מצד דעם אַרבעטער־קלאַס און אַנדערע דעמאָקראַטישע עלעמענטן מיר זאָלן ניט זיין באַשעפטיגט, וועלן מיר ברענגען די גרעסטע נוצן פאַר אונזער קלאַס און אונזער פאָלק דורך מאַכן אונזער ספּעציעלן ביישטייער צו דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף — דעם ביישטייער פון מאַרקסיסטן־לענינסטן, די ביישטייער פון די פאָרקעמפער פון דעם אַרבעטער־קלאַס און זיין פירנדיגע באַפרייאונגס־מיסיע אין די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון פאָלק.

די ראָל פון די קאָמוניסטן אין אידישן לעבן

רעזאָלוציע פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָקטאָבער, 1946

קאָמוניסטישע אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן, ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן, מוז זיין באַזירט אויף דער פּראָגראַם, די פּאָליסיס און אויף דער אַלגעמיינער ליניע פון דער פּאַרטיי. אין דער איצטיגער צייט איז דער הויפּט-צוגאַנג צו אונזער אידישער אַרבעט — די אַלגעמיינע ליניע פון דער פּאַרטיי פאַר דעם קאַמף געגן דער אָפענסיווע פון דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע אין איר דראַנג נאָך וועלט-הערשאַפט, פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע, געגן די שטייגנדיגע אַטאַקעס אויף די עקאָנאָמישע סטאַנדאַרדס און פּאָליטישע רעכט פון דעם אַרבעטער-קלאַס און זיינע פאַרבינדעטע. צו די ספּעציעלע פּראָבלעמען פון פּאָליסי אין אונזער אידישער אַרבעט דאַרף מען צוגיין און זיי לייזן לויט דער אַלגעמיינער פּאַרטיי-שטעלונג פאַר דעם אויפבוי פון אַן אַרבעטער-דעמאָקראַטישער, אַנטי-אימפּעריאַליסטישער און אַני-פאַשיסטישער קאָאַליציע, מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג אָן דער שפּיץ, כדי צו באַקעמפן און באַזיגן די מלחמה-העצערישע, רעאַקציאָנערע און פּרא-פאַשיסטישע אָפענסיווע פון די מאָנאָפּאָליעס אין אַמעריקע.

.1

די אַלגעמיינע לאַגע און די באַלדיגע אויפגאַבן

אַן אַנאַליז פון דער איצטיגער סיטואַציע צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן אַנטפּלעקט די פאָלגנדיגע כאַראַקטעריסטישע שטריכן:

1. אַ שטייגנדיגער באַוואוסטזיין וועגן די נייע אַנטיסעמיטישע און פּראָ-פאַשיסטישע געפאַרן, וואָס באַגלייטן די מלחמה-העצערישע אימפּעריאַליסטישע אָפענסיווע פון די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליעס און וועגן די ספּעציעלע געפאַרן פאַר די אידישע מאַסן, וואָס זיינען אָרגאַניש איינגעגלידערט אין אָט-די אַלגעמיינע געפאַרן.

דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר דער גלייכבאַרעכטיגונג פון אידישן פאָלק איז אַ פונדאַמענטאַלער טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף געגן דער אימפּעריאַליסטישער אָפענסיווע. עס איז דעריבער די פליכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַלע פּראָגרעסיווע כחות פון אַמעריקאַנער פאָלק, ספּעציעל פון די אַרבעטער, די טרעיד-יוניאָנס און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו קעמפן מיליטאַנטיש פאַר שטעלן דעם אַנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ און געגן אַלע פאָרמען פון דיסקרימינאַציע און אָפּזונדערונג („סעגרעגעישאָן").

אזוי ווי דער אַנטיסעמיטיזם איז פונדאַמענטאַל אַ פּראָדוקט פון סאָציאַלע סיסטעמען פון נאַציאָנאַלער און קלאַסן־אונטערדריקונג, וועט ער פולשטענדיק און פּערמאַנענט אויסגעוואָרצלט ווערן, און וועט מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרשווינדן דאָ אין לאַנד בלויז מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליזם און איינפירונג פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע. אָבער דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר שטעלן אים אויסער געזעץ און באַשיצן די גלייכע רעכט פון די אידישע מאַסן קעגן אַלע פאָרמען פון דיסקרימינאַציע, איז אַ קאַמף פון אַן אַלגעמיין־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, פאַר דער גלייכבארעכטיגונג פון אַלעמען. ס׳איז אַ וויכטיגער טייל פון דעם קאַמף קעגן אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע, וואָס באַנוצט דעם אַנטי־סעמיטיזם ווי איינע פון אירע הויפּט־וואָפן מיטן צוועק צו צעטיילן און דעמאָראַליזירן די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון פאָלק און צו פאַר־שטאַרקן די הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָליעס. דער קאַמף קעגן אַנטיסעמי־טיזם איז אַ צענטראַלע אויפגאַבע אין דעם קאַמף אויסצוראָטן דעם פאַשיזם, דאָס הייסט, פון דער אָפענער און טעראָריסטישער דיקטאַטור פון די רעאַקציאָנערסטע טיילן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל. דאָס איז אַ מיטל אין די הענט פון פאַשיזם פאַר דער פיזישער פאַרניכטונג פון דעם אידישן פאָלק. דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר דער גלייכבארעכטיגונג פון אידישן פאָלק איז אַ קאַמף קעגן אַלע רעאַקציאָנערע, אימפּעריאַליס־טישע און פּראָ־פאַשיסטישע אידעאָלאָגיעס פון ראַסן־סופּעריאָריטעט און אויבערהערשאַפט, קעגן דער סיסטעם פון „דזשים־קראָ" אָפּזונדערונג און אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון דעם נעגער־פאָלק, קעגן דער טעאָריע פון דער אויבערהערשאַפט פון די אַזוי־גערופענע העכערע אַנגלאָ־זאַקסישע ראַסן אָדער פון דער ווייסער ראַסע. דאָס איז אַ קאַמף פאַר ברידערלעכקייט פון פעלקער און פאַר דער דעמאָקראַטישער אייניק־קייט און סאָלידאַריטעט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק און זיין אַרבעטער־קלאַס.

גראַד די אַרבעטער און זייערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן נעמען אויף זיך די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם און זיין אָרייַנדרינגונג און פאַרשפּרייטונג צווישן די אַר־בעטנדיגע מענטשן, כדי צו באַשיצן די אייניגקייט און גאַנצקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס די מאָנאָפּאָליעס זוכן זיי צו אונטערגראָבן.

אַ וויכטיגע פאַזע פון דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם איז דער סיס־טעמאַטישער און נאָכאַנאַנדיגער קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון אַנטי־אידישער דיסקרימינאַציע. אַזוינע דיסקרימינאַציעס אויף דעם געביט פון באַשעפטיגונג, בילדונג, פּאָליטישע רעכט און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן האַלטן איצט אין וואַקסן ווי אַ רעזולטאַט פון דעם אויפשטייג פון דער אָפענסיווע מצד דער אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע אין אַמעריקע. אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן אין אַמעריקע ליידן פון די דאָזיגע דיסקרימינאַציעס, וואָס האָבן אין דעם פאַל פון דעם נעגער־פאָלק אָנגעהויבן אָננעמען אַלע

אָפּטער די געמיינע פאָרמען פון מערדערישע, פאַשיסטיש־אַרטיגע אַטאַקעס און פאַרפאָלגונגען, וועלכע הויבן אָן אָנגעווענדעט צו ווערן אויך געגן אידן. דער קאַמף געגן אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער, רעליגיעזער און ראַסן־דיסקרימינאַציע איז דעריבער געוואָרן אַ צענטראַלע אויפגאַבע פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, ספּעציעל — פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם קאַמף פאַר פרידן, דעמאָקראַטיע, גלייכע רעכט און עקאָנאָמישער זיכערקייט.

2. עס איז דאָ אַ גאַנץ הויכע שטופּע פון פאַרשטענדעניש צווישן אידישע אַרבעטער און אויך צווישן אַלץ גרעסערע קרייזן פון מיטל־קלאַס, אַז דער קאַמף געגן די נייע אַנטיסעמיטישע געפאַרן קאָן געפירט ווערן אויף אַ ווירקזאַמען אופן בלויז אין בונד מיט די אַרבעטער, מיט דעם נעגער־פאָלק, וואָס זייער פּאָליטישע וואָג אין פּראָגרעסיוון אַמעריקאַנער לעבן ווערט אַלץ גרעסער, מיט אַנדערע גרופּן וואָס ליידן פון נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציעס און פאַרפאָלגונגען, — אין בונד מיט די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק בכלל. צו דער זעלביגער צייט איז פאַראַן אַ דייטלעכע פאַרגרעסערונג אין די טעטיגקייטן פון די רעאַקציאָנערן צווישן די אידישע מאַסן, דאָס הייסט — די רעאַקציאָנערע בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן, בורזשואַזע אַסימילאַטאָרן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

3. עס וואַקסט דער אומצוטרוי צווישן די אידישע מאַסן צו דער טרומאַן־אַדמיניסטראַציע. דאָס נעמט זיך פון דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קורס פון דער אַדמיניסטראַציע אין איר אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, אַ קורס, וואָס איז אימפּעריאַליסטיש און רעאַקציאָנער. באַזונדערס איז די אידישע מאַסן דערווידער, וואָס די אַדמיניסטראַציע גיט זיך אונטער דער מלחמה־העצערישער און אַנטי־סאָוועטישער פּאָליסי פון די מאָנאָפּאָליעס. דער פאַרראַט מצד דער אַדמיניסטראַציע פון דעם קאַמף פאַר אַ פּערמאַנענטער אַנטי־דיסקרימינאַציע קערפּערשאַפט („עף. אי. פּי. סי.״), דאָס וואָס מען באַקעמפט ניט דעם אַנטיסעמיטיזם, איר היפּאָקריטישער און אימפּעריאַליסטישער קורס אין פּאַלעסטינע און איר נאָכאַנאַנדיגע אָפּווייכונג פון רוזוועלט׳ס פּראָגרעסיווע פּאָליסים.

4. קרייזן פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי צווישן די אידן זיינען באַוואוסטזיניג וועגן נייע געלעגנהייטן פאַר דער רעאַקציע. דאָס פאַרגרעסערט די עקזיסטירנדיגע ערנסטע געפאַר פון רעפּובליקאַנער וואַל־זיגן און פון אַ פאַרשטאַרקטער רעאַקציאָנערער צווי־פּאַרטייאישער קאָאַליציע אין קאָנגרעס. אָבער מער אויסגעשפּראָכן צווישן די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן איז די טענדענץ אין דער ריכטונג פון די פּראָגרעסיווע כחות פון די באַוועגונגען פאַר אַ דריטער פּאַרטיי, כאָטש די אַלטע לאָיאַליטעטן און די טראַדיציאָנעלע צוגעבונדנקייט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי שפּילן נאָך אַלץ אַ וויכטיגע ראָלע.

5. עס איז דאָ אַ וואַקסנדיגע טענדענץ צווישן אידישע אַרבעטער

אין דער ריכטונג פון די פּראָגרעסיווע כחות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דעם סי־אײ־אָ און אין דער א. פ. אָוו ל. דאָס איז באַזונדערס דייטלעך צווישן די הי־גנעבוירענע. מען קאָן דאָס אָבער אויך זען גאַנץ קלאָר צווישן די איינגעװאַנדערטע. דאָך איז די קראַפט פון די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן נאָך אַלץ באַדייטנדיג אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן, און די דאָזיגע קראַפט שטאַמט ניט בלויז פון די סטראַטעגישע פּאָזיציעס פון דער „פאָרווערטס"־גרופּע אין געוויסע טרעיד־יוניאָנס און פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס (אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס, אַרבעטער־רינג), ווי אויך אין געוויסע פּאָליטישע באַוועגונגען (די ליבעראַלע פּאַר־טיי), נאָר אויך אין ספּעציעלע אידישע אָרגאַניזאַציעס און ספּעציעלע געביטן פון טעטיגקייט, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע. ס'איז דאָס פעלד, וואָס די רע־אַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן עקספּלואַטירן הויפּטזאַכלעך דורך זייער באַהערשן דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. אויף דעם קולטור־געביט אָפּערירן די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַזונדער דורך דעם אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ), וואָס זיי נוצן פאַר רע־אַקציאָנערע פּאָליטישע צוועקן.

6. דער קאָמוניסטישער איינפלוס צווישן די אידישע מאַסן האָלט אין וואַקסן. דאָס נעמט זיך קודם כל פון דעם שטייגנדיגן באַוואוסטזיין, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ניט בלויז די בעסטע פּאַרטיידיגערין פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע צילן פון די אַרבעטער, נאָר אַז זי האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן צו זיין די אויסגעהאַלטנסטע קעמפערין געגן אַנטיסעמיטיזם, רעאַקציע און פאַשיזם.

ניט געקוקט אויף די ערנסטע שטערונגען פון די נאָך עקזיסטירנדיגע רעשטלעך פון דעם בראָודער־רעוויזיאָניזם, האָט די קאָמוניסטישע אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן געמאַכט אַ באַדייטנדיגן בייטראָג צו פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס פון דער פּאַרטיי צווישן די אידישע אַרבעטער און אויך צווישן טיילן פון מיטל־קלאַס.

צולעצט, האָט דער קאָנטאַקט און קאָאָפּעראַציע צווישן די אַמערי־קאַנער אידן און די סאָוועטישע אידן אין געמיינשאַפטלעכע דעמאָנסטראַ־ציעס געגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם און פאַר אידישע רעכט, ווי אויך די קאָאָפּעראַציע אויף דעם קולטור־געביט, געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם אויפבוי פון אַנטי־פאַשיסטישן איינפלוס צווישן די אַמערי־קאַנער אידישע מאַסן אין דעם דאָזיגן פעריאָד. די דאָזיגע קאָאָפּעראַציע איז איינגעשטעלט געוואָרן אין משך פון דער מלחמה מיט דעם צוועק צו העלפן געווינען די מלחמה און ווערט איצט אַנטוויקלט ווי אַן עלעמענט פון פריינטשאַפט צווישן אַמעריקאַנער און סאָוועטישן פאָלק און ווי אַ הילף אין דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור און דעם וואוילשטאַנד פון אידישן פאָלק.

די קאָאָפּעראַציע צווישן די אַמעריקאַנער און סאָוועטישע אידן האָט

זיך ארויסגעוויזן צו זיין א ווירקזאמער כח אין באקעמפן די רעאקציאָ־נערע איינפלוסן, וואָס שטאַמען פון די אידעאָלאָגישע און פּראָגראַמאַטישע פּאָזיציעס פון דעם ציוניזם, פון דעם בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם („קאָונ־סיל פאָר דזשודאאיזם", די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע", א טייל פון דער פירערשאַפט פון דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע") און פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם (די פירערשאַפט פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, „פאָרווערטס", דובינסקי, א. אז. וו.).

7. פּראָבלעמען פון רעליף און רעהאַביליטאַציע פון די אידישע מאַסן אין די באַפרייטע לענדער פאַרנעמען א וויכטיגן פּלאַץ אין דעם לעבן פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן און אין די טעטיגקייטן פון זייערע אָרגאַניזאַציעס. אויף דעם דאָזיגן געביט זיינען די הויפּט־טעטיג־קייטן פון די אידישע אַרבעטער און א טייל פון די מיטל־שיכטן געווען קאָנצענטרירט, אין לויף פון דער מלחמה, אויף דעם „ראָשיען וואָר רעליף", אין א באַדייטנדיגער מאָס דורך דעם אידישן קאָונסיל. דער סוף פון דער מלחמה און די נייע סיטואַציע האָבן געשאַפן א צאָל ענדערונגען אין די דאָזיגע טעטיגקייטן, ספּעציעל אין דער ריכטונג פון דער אַרבעט פון קולטור־פאַרהעלטעניש און אין געוויסע פאָרמען פון אַרבעט אויף דעם געביט פון רעהאַביליטאַציע.

זינט דער באַפרייאונג פון פּוילן דורך דער רויטער אַרמיי איז די אַרבעט פון אידישן רעליף און רעהאַביליטאַציע אין פּוילן און דער קאַמף צו שטיצן די נייע פּוילישע מלוכה געוואָרן א צענטראַלע אויפגאַבע אין דער אַלגעמיינער טעטיגקייט אויף דעם געביט פון אידישן רעליף און רע־האַביליטאַציע. דאָס איז געוואָרן דער געביט פון טעטיגקייט, וואו עס קומען פאָר שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן די אַנטי־פאַשיסטישע אייניג־קייט־כחות צווישן די אידן און די רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטן, אַסימי־לאַטאָרס און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די דעמאָקראַטישע כחות שטיצן די פאָלקס־פּראָגראַם פון אויפבויען דעם נייעם אידישן ישוב אין פּוילן און אין דער זעלביגער צייט, ווי עס ווערט פאַרלייכטערט די אויסוואַנדערונג פון פּוילן מצד יענע אידן, וואָס ווילן דאָס. די רעאַקציאָנערן, כאָטש זיי זיינען ניט פאַראייניגט, אַרבעטן געגן דעם אויפבוי פון דעם אידישן ישוב אין פּוילן, העלפן פון צייט צו צייט שאַפן א פּאַניק־געלאַף פון פּוילן דורך פאַרשיידענע אידישע גרופּן און עקספּלואַטירן די טראַגישע און באמת שווערע לאַגע, וואָס קומט ווי א רעזולטאַט פון די טעראָריסטישע אַטאַקעס פון פּוילישע פאַשיסטן געגן אידן אַזוי גוט ווי געגן אַרבעטער און אַנדערע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, מיט דער דערוואַרטונג אַריינצוברענגען די מערהייט פון די דאָזיגע עמיגראַנטן קיין פּאַלעסטינע.

די וויכטיגסטע שטרייט־פראַגן אין דעם דאָזיגן צוזאַמענשטויס זיינען די פאָלגנדיגע: די דעמאָקראַטישע אייניגקייט־כחות צווישן די אידן שלאָגן־פאָר צו קעמפן פאָר דער זיכערקייט, די גלייכע רעכט און דעם וואוילשטאַנד פון דעם אידישן פאָלק אין פּוילן דורך העלפן די פּראָ־

גרעסיווע כחות און דער פּוילישער רעגירונג אויסצואווארצלען די רעשט־לעך פון פאשיזם און רעאקציע אין פוילן, דורך העלפן קאנסאלידירן די נייע פוילישע מלוכה, דורך שטיצן דעם קאמף פאר קאאפעראציע פון די „גרויסע דריי" אין די „יונאיטעד נעישאנס" אין די אינטערעסן פון פרידן, כדי דערמיט צו פארניכטן און באזייטיגן דעם אנטיסעמיטיזם און אלע אנטי־אידישע אטאקעס. פון דער אנדערער זייט שלאגן־פאר די רע־אקציאנערע ציוניסטן, די אסימילאטארס און די סאציאל־דעמאקראטן, אין עצם, אז די אידן זאלן אויפגעבן דעם דאזיגן קאמף און איינגאנצן פאר־לאזן פוילן. אויף דעם דאזיגן גרונט פירן־אן די ציוניסטן א קאמפּאניע פאר מאסן־עמיגראציע פון פוילן און פון גאנץ אייראפע ווי דעם בורזשואז־נאציאנאליסטישן ענטפער אויף דעם אנטיסעמיטיזם. די רעאקציא־נערע אסימילאטארס און סאציאל־דעמאקראטן אגיטירן געגן דער נייער פוילישער מלוכה און איר רעגירונג אויף דעם גרונט, אז זי איז „מאכטלאז" צו באשיצן די אידן, מיט דעם אנשטעל, אז „אין פרינציפּ" זיינען זיי פאר דעם אויפבוי פון דעם אידישן ישוב אין פוילן, אויב עס זאל דארט קומען צו דער מאכט א רעגירונג, וואס איז בכח צו באשיצן די אידן. דערמיט מיינען זיי א רעגירונג, וואס זאל זיין פיינטלעך צום סאוועטן־פארבאנד און פריינטלעך צו די רעאקציאנערע כחות פון דעם אלטן פוילישן רעזשים — די זעלביגע כחות, וואס סטימולירן איצט די טערא־ריסטישע אטאקעס אויף די אידן אין פוילן און אויף אירע דעמקראטישע כחות בכלל. דאס איז אין עצם די שטעלונג פון דער „פארווערטס"־דובינסקי פירערשאפט פון דעם אידישן ארבעטער־קאמיטעט — א שטעלונג, וואס ווערט פארמאסקירט דורך אינטענסיווע מאנעווערעס און פאלשע אנשטעלן, וועלכע מוזן דעמאסקירט ווערן דורך דער ענערגישער אנטוויקלונג פון דער אנטי־פאשיסטישער איינינקייט־פאליסי צווישן די אונטערשטיצער און גליד־ארגאניזאציעס פון דעם אידישן ארבעטער־קאמיטעט.

דער קאמף געגן דער דאזיגער שטעלונג פון די אידישע רעאקציאנערן איז א טייל פון דעם אלגעמיינעם קאמף געגן די מלחמה־העצער און רע־אקציאנערן. דעריבער — די קריטישע וויכטיגקייט פון דער רעליף און רעהאביליטאציע־ארבעט אין פוילן און אין אנדערע אידישע ישובים אין די באפרייטע לענדער.

צו לעצט, און פון אן אנדער כאראקטער, איז די ארבעט פון אמערי־קאנער אידן און אנדערע פראגרעסיווע גרופן פאר דעם אויפבוי פון ביראָ־בידזשאן. א ברייטע באוועגונג וואקסט אוים ארום דער דאזיגער ארבעט, וועלכע העלפט א סך צו פארשטארקן די קאאפעראציע צווישן די אמערי־קאנער און סאוועטישע אידן. די דאזיגע פראגרעסיווע באוועגונג אין דעם לעבן פון די אמעריקאנער אידן דארף אקטיוו געשטיצט ווערן. אין זייער שטיצע פאר ביראבידזשאן זיינען די מאסן באגייסטערט פון דעם, וואס אין סאוועטן־פארבאנד איז דער אנטיסעמיטיזם געשטעלט געווארן אויסער

דעם געזעץ, וואָס דאַרט הערשט פולשטענדיגע גלייכהייט און ברידערלעכע מיטאַרבעט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, און וואָס ביראָבידזשאַן ווערט געבויט ווי אַ אידישע אויטאָנאָמע געגנט.

8. די קאַמפן אין פאַלעסטינע האָבן אַ סך אָפּקלאַנגען אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. די דאָזיגע קאַמפן קומען פאָר אינמיטן פון אַן וואַקסנדיגע באַפרייאונג־שטראָמען אין דער אַראַבישן מיטל־מזרח, אינמיטן פון אַ וואַקסנדיגער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג צווישן די אַראַבישע אַרבעטער, פון פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונגען אין די אידישע טרעיד־יוניאָנס, פון אַ וואַקסנדיגער סאָלידאַריטעט צווישן די אַראַבישע און אידישע אַרבעטער און פון אַ וואַקסנדיגער געגנערשאַפט צווישן די דעמאָקראַטישע אידישע כחות אין פאַלעסטינע צו דער אָפיציעלער ציוניסטישער „בילטמאָר־פּראָגראַם” פאַר אַ אידישער מלוכה אין פאַלעסטינע. אויך קומען פאָר די קאַמפן אין פאַלעסטינע אין אַ צייט, ווען דער בריטישער אימפּעריאַליזם בויט־אויף אין יענע מקומות אַן אַנטי־סאָוועטישן בלאָק אַזוי גוט ווי גרויסע מיליטערישע באַזעס; אין אַ צייט, ווען דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם שפּרייט אויס אַגרעסיוו זיין אַריינדרינגונג אין מיטעלן מזרח, בעת דער פּרעסטיזש פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון זיינע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע פאַליסים האַלט אין שטייגן. ווי אַ רעזולטאַט פון די דאָזיגע אַנטוויקלונגען האָבן די פאַלעסטינער קאַמפן די פאָלגנדיגע הויפּט־ווירקונגען אויף די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן:

א) אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע איז די הויפּט־פירערשאַפט אַריבער אין די הענט פון די עקסטרעמע עלעמענטן, מיט ראַבאַי סילווער אָן דער שפּיץ. זיי זיינען אין אַ סך פאַלן אויך אַ טייל פון די קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע כחות אין אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן, די כחות, וואָס זיינען פאַרטראָטן דורך טאַפט, הואווער, הוירסט, א. אַז. וו. צו דער זעלביגער צייט וואַקסט דער באַוואוסטזיין אין ציוניסטישע קרייזן, אַז די ציוניסטישע פּראָגראַם — די בילטמאָר־פּראָגראַם פון פאַרוואַנדלען פאַלעסטינע אין אַ אידישער מלוכה אָדער קאָמאָנוועלט — מאַכט דורך אַ טיפן קריזיס; דאָס סטימולירט די אַנטוויקלונג פון פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע שטרעמונגען אין דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס ווילן אַרבעטן פאַר אַראַביש־אידישער קאָאָפּעראַציע און פאַר שטיצן די פרידלעכע און אַנטי־פאַשיסטישע פאַליסים פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ב) צווישן די ברייטערע מאַסן אַמעריקאַנער אידן, ציוניסטיש־באַאיינפלוסטע אַזוי גוט ווי ניט־ציוניסטישע, רופט אַרויס דער קריזיס אין דער בילטמאָר קאָמאָנוועלט־פּראָגראַם געוויסע שטרעמונגען, וואָס מען דאַרף זיי העלפן צו געפינען אַ געהעריגן אויסדרוק, אין דער ריכטונג פון אַ פאַראייניגטער דעמאָקראַטישער און אַנטי־אימפּעריאַליסטישער שטעלונג פון דעם אידישן פאָלק פאַר שטיצן דעם ישוב אין פאַלעסטינע אויף דעם באַזיס פון אידיש־אַראַבישער קאָאָפּעראַציע פאַר אַ פרייער

און זעלבשטענדיגער פּאַלעסטינע. דאָס ווערט באַגלייט דורך אַ וואַקסנ־דיגער אַנטוישונג בנוגע דער אַזוי־גערופענער פּריינטשאַפט פון בריטישן אימפּעריאַליזם, בעת עס האַלטן נאָך אָן אילוזיעס וועגן דער אַזוי־גערופענער פריינטשאַפט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם — אילוזיעס, וואָס דאַרפן סיסטעמאַטיש אויפגעדעקט און אויפגעלייזט ווערן.

9. די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — די „פאָרווערטס"־דובינסקי פירערשאַפט פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט — אַנט־וויקלען זייער אינטענסיווע טעטיגקייטן. זיי זיינען צווישן די אידישע מאַסן דער שפּיץ פון די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־העצעס געגן סאָוועטן־פאַר־באַנד און זיי זיינען פאַרבונדן מיט דעם לאַגער פון די רעאַקציאָנערן, וואָס פּרעדיגן און ווענדן אָן אַ פּאָליסי פון „האַנדלען הארב" („געט טאַף") מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד — מיט דעם לאַגער פון דעניקין, באַר און טשויר־טשיל. זיי אַרבעטן אויך פאַר דער ווידער־אויפשטעלונג פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, בעת זיי האַלטן אָן כסדר דעם קאַמף געגן אַרבעטער־איינִיגקייט אין אַמעריקע און געגן דער וועלט־פעדעראַציע פון טרעיד־יוניאָנס. דורך פיל אַגענטן און שליחים פירט־אָן די דאָמינירנדיגע פירערשאַפט פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אַט־די רעאַקציאָנערע טעטיגקייט ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אַ צאָל אייראָפּייאישע לענדער (פראַנקרייך) אַזוי גוט ווי אין לאַטיין־אַמעריקע. איבער דער פראַגע פון פּוילן מאַנעווורירט די „פאָרווערטס"־פירערשאַפט פון דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט צוליב דעם דרוק פון אונטן און צוליב געוויסע אינערלעכע צעטיילונגען, מיט דעם אָנשטעל פון אָננעמען דעם נייעם רעזשים, בעת אין דער ווירקלעכקייט ווערט די פּאָליטישע הויפּט־אַרבעט פון דער דאָזיגער גרופּע אָריענטירט אויף אַ קאַמף געגן דעם נייעם פּוילן. עס וועט דעריבער זיין נויטיג פאַנאַנדערצואַוויקלען אַ ברייטע קאַמפּאַניע פאַר פאַראייניגטער אַקציע פון אַלע אידישע אַרבעטער, טרעיד־יוניאָניסטן און אַנדערע דעמאָקראַטישע כחות, מיט אַ ספּעציעלער קאָנצענטראַציע צווישן די אונטערשטיצער און גליד־אָרגאַניזאַציעס פון דעם אידישן אַר־בעטער־קאָמיטעט, צו שטיצן דאָס נייע פּוילן, אויפצובויען דאָרט דעם נייעם אידישן לעבן, באַקעמפן די רעאַקציע אין אַמעריקע, וועלכע סטימו־לירט די פאַשיסטישע רעאַקציע אין פּוילן, און צו שטיצן אַ פּאָליסי פון פריינטשאַפט מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג צום נייעם פּוילן און זיין דעמאָקראַטישער רעגירונג.

איבער דער פראַגע פון פּאַלעסטינע מאַנעווורירן די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן („פאָרווערטס"־דובינסקי) מיט דעם צוועק צו באַ־האַלטן פון די מאַסן דעם פאַקט, אַז די ליניע פון דער דאָזיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע איז פאַרראַט געגן דעם אידישן פאָלק און געגן דעם ישוב אין פּאַלעסטינע. דער „פאָרווערטס" שטיצט פולשטענדיג די אימפּעריאַליסטישע און קריגערישע פּאָליסים פון בעווין און טשווירטשיל, די פּאָליסים, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם בריטישן אימ־

פּעריאַליסטישן טעראָר און אונטערדריקונג אין פּאַלעסטינע און פאַר די פאַרהאַסטע פּלענער צו צעטיילן פּאַלעסטינע, וואָס זיינען צוריקגעוויזן געוואָרן דורך דער מערהייט אַראַבער און אידן אין פּאַלעסטינע. צו דער זעלביגער צייט זוכט אָבער דער „פֿאָרווערטס" צו באַהאַלטן דעם דאָזיגן פאַקט דורך אַ מילדן אויסרייד צו בעווינ'ען פאַר די „טעות'ן" פון זיין טאַקטיק בנוגע דעם ישוב אין פּאַלעסטינע. די „פֿאָרווערטס"־גרופּע שטיצט באַזונדער די פּאַליסים פון דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און זיין אָריענטאַציע אויף אַן אַנגלאָ־אַמעריקאַנישן בלאָק געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, געגן די קאָלאָניאַלע פעלקער, איינשליסנדיג די אידן און אַראַבער אין פּאַלעסטינע, און געגן די נייע דעמאָקראַטיעס אין אייראָפּע. אָט־די צוויי־פּנימ'דיגקייט און פאַרראַט פון דער „פֿאָרווערטס"־דובינסקי־גרופּע פרעמדט־אָפּ פון איר אַלץ אַ גרעסערע צאָל פון אירע איצטיגע אונטערשטיצער און רופט אַרויס אָנגעשטרענגטע פאַרהעלטענישן און צע־טיילונגען אין דער גרופּע גופא. אַזוי אַרום שאַפן זיך נייע און מער גינסטיגע באַדינגונגען פאַר פאַראייניגטע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און אַנטי־פאַשיסטישע אַקציעס געמיינשאַפטלעך מיט די אַרבעטער און גרופּן, וואָס געפינען זיך אונטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירערשאַפט, אין דעם קאַמף פאַר אַרבעטער־אייניגקייט און פאַר אַנטי־פאַשיסטישער פאָלקס־אייניגקייט.

די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער זיינען זייער אַקטיוו אויך אויף דער אידישער גאַס, מיט דעם הויפּט־צוועק צו צעשטערן די אייניגקייט פון די דעמאָקראַטישע כחות צווישן די אידישע מאַסן, ספּע־ציעל — די קאָאָפּעראַציע פון דעם אַמעריקאַניש־אידישן לעיבאָר־קאָונסיל און פון דעם אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן מיט די אַנדערע דעמאָ־קראַטישע כחות פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ. די דאָזיגע צעשטערערישע טעטיג־קייטן פון דער „פֿאָרווערטס"־דובינסקי גרופּע קריגן די שטיצע פון דער אַסימילאַטאָרישער גרויס־בורזשואזיע פון איין זייט און פון די רעאַקציאָ־נערע בורזשואזע נאַציאָנאַליסטן פון דער אַנדערער זייט. דערמיט דער־קלערן זיך די פּעריאָדישע צוזאַמענקונפטן פון די דאָזיגע עלעמענטן פאַר געמיישאַפטלעכער אַקציע (אידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" און געוויסע כחות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג) געגנבאַיבער די אייניגקייט־באַוועגונגען פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין אידישן לעבן. איבער דער דאָזיגער פראַגע פון אידישער דעמאָקראַטי־שער אייניגקייט האָט אָבער די פּאַרטיי געמאַכט באַדייטנדיגן פאָרשריט געגן די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער און זיי אַריינ־געטריבן אין פּאָזיציעס פון טיילווייז איזאָלירט ווערן פון די אידישע מאַסן איבער אַ סך פּראַקטישע פראַגן.

אונזער הויפּט־שוועריגקייט אויף דעם דאָזיגן געביט, צוזאַמען מיט די רעשטלעך פון בראָודעריזם, באַשטייט אין אונזער שוואַכער הילף צו

די פּראָגרעסיווע אידישע טרעיד־יוניאָניסטן בייצוקומען זייער אַלץ נאָך ניט־גענוגנדיגע באַטייליגונג אין דעם קאַמף פאַר די אינטערעסן פון אידישן פאָלק און פאַר אידישער דעמאָקראַטישער אייניגקייט. די דאָזיגע שוואַכקייט ווערט לאַנגזאַם פאַרריכט דורך דער פּאָליסי פון דעם אַמעריקאַניש־אידישן לעיבאָר קאונסיל זיך צו אַנטוויקלען ווי אַן אַקטיווע און פירנדיגע קערפּערשאַפט פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן. דאָס וועט אַ סך העלפן פאָראויספירן די פּאָזיציעס פון די פּראָגרעסיווע כחות אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

די אינערלעכע פּאָליטישע אָריענטאַציע פון די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז אויף דעם אויפשטייג פון אַן אַנטי־סאָוועטישער קאָמבינאַציע, אויב נויטיג — דורך אַ רעאַקציאָנערער דריטער פּאַרטיי, וואָס זאָל קאָנען אַנטשיידנדיג באַאיינפלוסן די פּאָליסיס פון דער טרומאַן־אַדמיניסטראַציע אָדער העלפן ברענגען צו דער מאַכט אַ רעגירונג, וואָס וועט אויף אַזאַ אופן באַאיינפלוסט ווערן. געוויסע פּאָליטישע צילן פון דער דאָזיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע ווערן טיילווייז פאַרווירקלעכט דורך דער רעאַקציאָנערער צוויי־פּאַרטייאישער קאָאַליציע אין קאָנגרעס, אָבער דער אָפענער אַנטי־אַרבעטער כאַראַקטער פון דער דאָזיגער קאָאַליציע מאַכט עס אוממעגלעך פאַר די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו קאָאָפּערירן אָפן מיט איר. זייער ציל איז דעריבער צו שאַפן אַן עטוואָס אַנדערע קאָמבינאַציע, אין וועלכער די רעאַקציאָנערע טרעיד־יוניאָן ביוראָקראַטיע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן שפּילן אַן אַנטשיידנדיגע ראָלע.

ס'איז דעריבער נויטיג צו דעמאַסקירן דעם רעאַקציאָנערן, שפּאַלטערישן און אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון די אַזוי־גערופענע „דריטע פּאַרטיי" מאַנעוורעס פון די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער און צו מאַכן פּאָפּולער צווישן די מאַסן און געווינען זייער שטיצע פאַר דער אָנוואַקסנדיגער אַרבעטער־דעמאָקראַטישער קאָאַליציע פון אַלע פּראָגרעסיווע, אַנטי־פאַשיסטישע, אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כחות מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן מיט דער צייט אַן אַנטי־מאָנאָפּאָליסטישע פאָלקס־פּאַרטיי.

דער קאַמף צו איזאָלירן און באַזיגן די רעאַקציאָנערע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז די וויכטיגסטע אויפגאַבע אין דעם קאַמף פאַר דער אַנטי־פאַשיסטישער און אַרבעטער־אייניגקייט פון די אידישע מאַסן. אין דעם דאָזיגן קאַמף דאַרף עס זיין אונזער ציל צו געווינען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער און די מאַסן אונטער דער דאָמינאַציע פון רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער פאַר פאַראייניגטע אַקציעס אויף אַ ברייטער אַנטי־פאַשיסטישער פּראָגראַם פון אַרבעטער־אייניגקייט, זוכנדיג געמיינשאַפטלעכע אַקציע מיט אַלע סאָציאַליסטישע עלעמענטן און גרופּן, וואָס זיינען פאַר אַן אַנטי־פאַשיסטישער, אַנטי־אימפּעריאַליסטישער און אַנטי־מלחמה אייניגקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

10. אין דעם קאַמף פאַר דער אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט פון

די דעמאָקראַטישע כחות פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן שטייען פאַר די אידישע אַרבעטער און זייער אַוואַנגאַרד, די אידישע קאָמוניסטן, די פאָלגנדיגע באַלדיגע פּראַקטישע אויפגאַבן:

א) די אַרבעטער, די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע כחות אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס (דער אַמעריקאַנער אידישער לעיבאָר־קאונסיל, דער אידישער פּראַטערנאַלער פאָלקס־אָרדן, געוויסע כחות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין די לאַנדסמאַנשאַפטן, א. אַז. וו.) מוזן געשטיצט ווערן אין זייער קאַמף פאַר פּראָגרעסיווע פאַליסים פון אַנטי־פאַשיסטישער אידישער איינגקייט אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. מען מוז שטיצן זייער אַרבעט פאַר אַקטיוון אָנטייל אין די קאַמפן פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן געגן די מלחמה־צינדער און פאַר פרידן; געגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס; פאַר פולער גלייכהייט פון אידישן פאָלק, אין בונד מיט דעם נעגער־פאָלק, אין בונד און אין איינקלאַנג מיט די פּראָגרעסיווע הויפּט־פאַליסים פון דער אָנוואַקסנדיגער אַרבעטער־דעמאָקראַטישער קאָאַליציע פון אַמעריקאַנער פאָלק. דערביי מוז מען שטרעבן, אַז די אידישע אַרבעטער זאָלן זיין ווירקזאַם פאַרטראָטן אין דער פירערשאַפט פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס.

ב) די אידישע דעמאָקראַטישע כחות אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס דאַרפן געשטיצט ווערן אין זייער קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע און אַנטי־פאַשיסטישע פאַליסים אין דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, אין וועלכן די דעמאָקראַטישע כחות אין אידישן לעבן, ספּעציעל די אַרבעטער, דאַרפן זיין ווירקזאַם פאַרטראָטן. די דעמאָקראַטישע כחות אין דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס דאַרפן אַרבעטן אויסגעהאַלטן פאַר דעם אויפבוי פון אידישן לעבן אין די באַפרייטע לענדער פון אייראָפּע אין איינקלאַנג מיט די איינגקייט־פּראָגראַמען פון די אידישע ישובים גופא. די דאָזיגע כחות אין אידישן לעבן דאַרפן שטיצן די נאַציאָנאַלע רעכט פון דעם ישוב אין פאַלעסטינע אויף דעם באַזיס פון אידיש־אַראַבישער קאָאָפּעראַציע פאַר אַ זעלבשטענדיגער פאַלעסטינע און באַקעמפן אַלע טענדענצן צו אונטערוואַרפן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס צו די פּאַרטיי־פאַליסים און אינטערעסן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. קאָאָפּעראַציע צווישן דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס און די סאָוועטישע אידן פאַר די דעמאָקראַטישע און אַנטי־פאַשיסטישע צילן פון דעם אידישן פאָלק איז אַ דורכאויסנויטיגער באַדינג פאַר דערפאָלג.

ג) אַן ענלעכע פאַליסי דאַרף געשטיצט ווערן אין דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ — אַ פאַליסי פון אַקטיוון קאַמף פאַר די רעכט און אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן, אַזוי גוט ווי פון דעם אידישן פאָלק אין אַנדערע לענדער. כדי צו באַרעכטיגן איר עקזיסטענץ, דאַרף די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ אָנהויבן פונקציאָנירן ווי אַ פּראָגרעסיווער כח אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן, אויף דער „אַמעריקאַנער סצענע”. צו דער זעלביגער צייט דאַרפן מיר שטיצן די אָריענ־

טאַציע, אַז די פּראָגרעסיווע כחות אין אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס האָבן גרעסערע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן ווי אין דער קאָנפערענץ צו העלפן אַנטוויקלען די טעטיקייטן פון די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן אויף אַ דעמאָקראַטישער און אַנטי־פאַשיסטישער אייניגקייט־פּראָגראַם.

ד) מיר מוזן פאַרזעצן די אַרבעט פון באַזייטיגן אַלע טענדענצן פון דעם בראָודער־רעוויזיאָניזם צו סובאָרדינירן די אַרבעטער צו דער בורזשואַזיע. דעריבער דאַרפן מיר אַקטיוו שטיצן און אַנטוויקלען דעם קאַמף פאַר דער אַרבעטער־דעמאָקראַטישער קאָאַליציע, מיט דעם אַרבעטער־קלאַס אָן דער שפּיץ, כדי צו פאַרהאַלטן און באַזיגן די רעאַקציאָנערע אימפּעריאַליסטישע אָפענסיווע פון די מאָנאָפּאָליעס, און סיסטעמאַטיש בויען די אַוואַנגאַרד־ראָלע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ה) מיר דאַרפן אַקטיוו שטיצן דעם אויפבוי פון דעם אַמעריקאַניש־אידישן לעיבאָר־קאָונסיל ווי אַ קראַפט, וואָס זאָל קאָנען אויף אַ ווירקזאַמען אופן „טשאַלענדזשן" די רעאַקציאָנערע „פאָרווערטס"־דובינסקי גרופּע, וואָס באַהערשט דעם אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, און ווי אַ פירנדיגן עלעמענט אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. מיר דאַרפן שטיצן אַקטיוו די זעלבשטענדיגע טעטיגקייטן און איינפלוס פון דעם אידישן פּראָטערנאַלן פאָלקס־אָרדן און צו אַנטוויקלען זיין פירנדיגע פּאָזיציע אין דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אַ פונדאַמענטאַלע פאַזע פון דער דאָזיגער אַרבעט איז די אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטישער אייניגקייט־פּראָגראַם צווישן די מאַסן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין די לאַנדסמאַנשאַפטן.

פולע און אַקטיווע שטיצע דאַרף געגעבן ווערן דער אַרבעט פון דעם אידישן קאָונסיל (פון געוועזענעם ראַשיען רעליף) אין זיינע נייע פאָרמען פון טעטיגקייט אויף דעם געביט פון קולטור־פאַרהעלטענישן און רעהאַביליטאַציע; דער קאָמיטע פאַר ביראָבידזשאַן; דעם קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער; דעם אידישן קולטור־פאַרבאַנד (איקוף); דעם אידישן מוזיק־פאַרבאַנד און דעם פּראָגרעסיוון קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג.

ו) אַ ברייטע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע קאַמפּאַניע דאַרף אָנגעפירט ווערן געגן אַלע רעאַקציאָנערע כחות אין אידישן לעבן, אַ קאַמפּאַניע, וואָס זאָל זיך קאָנצענטרירן אויף די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די רעאַקציאָנערע כחות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין די בורזשואַז־אַסימילאַטאָרישע באַוועגונגען. אויף אַזאַ אופן דאַרף מען ווידער אַנטוויקלען די אַנטי־פאַשיסטישע אייניגקייט פון די אַרבעטער און אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע כחות פון אידישן פאָלק, פּאָפּולאַריזירנדיג דערביי די מאַרקסיסטישע לערע אויף אַלע געביטן, באַזונדערס איבער דער פראַגע פון נאַציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער באַפרייאונג.

ז) מיר דאַרפן באַזונדערס שטיצן די פּאָליסי פון קאָאָפּעראַציע און בונד צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן און דעם נעגער־פאָלק, אַזוי

גוט ווי מיט די אַרבעטער, די פּראָגרעסיווע כחות פון אַלע נאַציאָנאַלע גרופּן און מיט דעם פּראָגרעסיוון לאַגער פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק בכלל. דאָס נעגער־פאָלק איז באַזונדערס קוואַליפיצירט פאַר דער ראָלע פון אַוואַנגאַרד־קעמפער און געטרייען קאַמפּס־פאַרבינדעטן אין דעם קאַמף געגן אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער, רעליגיעזער און ראַסן־אונטער־דריקונג און דיסקרימינאַציע און פאַר גלייכע רעכט. ווייל די נעגערס האָבן פאַר זיך די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין דער סאַוט אַזוי גוט ווי די אויפגאַבע פון זיכערן זייערע עלעמענטאַרע און פונדאַמענ־טאַלע רעכט אומעטום אין לאַנד. דעריבער דאַרפן מיר סיסטעמאַטיש בויען דעם בונד צווישן די אידישע מאַסן און דעם נעגער־פאָלק, ווי אַן אָרגאַנישן טייל פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטישער קאָאַליציע פונעם אַמעריקאַנער פאָלק, און דערביי דעמאַסקירן און באַקעמפן אַלע פאָרמען און אויסדרוקן פון ווייסן שאָוויניזם צווישן אידן.

11. אַריבערגעווינען די אידישע מלחמה־וועטעראַנען פאַר די דעמאָקראַטישע און אַנטי־פאַשיסטישע קאַמפן און פאַר מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז איצט אַ וויכטיגע אויפגאַבע. מיר באַמערקן צווישן די מלחמה־וועטעראַנען אַ פאַרשאַרפטע עמפינדלעכקייט בנוגע די געפאַרן פון אַנטיסעמיטיזם און אַ שטאַרקע אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן ווי אַמעריקאַנער אידן צוזאַמען מיט אַלע מלחמה־וועטעראַנען פאַר פולשטענדיגער גלייכבאַרעכטיגונג. מיר דאַרפן אויך נעמען אין אַכט די בורזשואַז־אַסימילאַטאָרישע טענדענצן צווישן געוויסע גרופּן פּראָ־גרעסיווע אידישע מלחמה־וועטעראַנען, וואָס דאָס שאַפט די געפאַר זיי זאָלן איזאָלירט ווערן פון די דעמאָקראַטישע הויפּט־כחות פון די אַמערי־קאַנער אידן. ווי אַ געגנווירקונג צו אַזוינע טענדענצן דאַרפן די דאָזיגע מלחמה־וועטעראַנען אַריינגעצויגן ווערן אין אַקטיוון קאַמף געגן דיסקרימי־נאַציעס, געגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר אידישע רעכט. מיר דאַרפן ציען אַלע פּראַקטישע שלוסן פון דעם פאַקט, וואָס די צוריקגעקומענע מלחמה־וועטעראַנען ווערן אַ וויכטיגער כח אין די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון די אַמעריקאַנער אידן.

12. אין דעם קאַמף פאַר אונזערע פּאָליסים צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן דאַרפן מיר סיסטעמאַטיש באַקעמפן דעם איינפלוס פון דעם אידישן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און פון דעם אידישן בורזשואַזן אַסימי־לאַציאָניזם. דער פאַקט, וואָס די דאָזיגע איינפלוסן זיינען ניט באַקעמפט געוואָרן ווי געהעריג, ספּעציעל דורך דער צייט פון דעם בראַודער־רעוויזיאָניזם, מאַכט איצט נויטיג צו קעמפן געגן דער געפאַר פון אָפּנויגן אין דער ריכטונג פון דער אידעאָלאָגיע פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, ווי זי איז אויסגעדריקט אין דעם ציוניזם און בונדיזם. בעת דער בונדיזם אונטערשיידט זיך שאַרף פון דעם ציוניזם אין דער פראַגע פון אַ אידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע, זיינען זיי ביידע באַזירט אויף דעם רעאַקציאָנער־אויטאָפּיסטישן באַגריף פון אַ אידישער וועלט־נאַציע, וואָס דערפון שטאַ־

מען די טענדענצן אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלן שאָוויניזם און אָפּזונדערונג (סעפּאַראַטיזם). צוגלייך דאַרפן מיר באַקעמפן די געפאַר פון אָפּנויגן אין דער ריכטונג פון בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם („קאָונסיל פאָר דזשודאַאיזם" און „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע"), וואָס שפּיגלט אָפּ דעם דרוק פון די טעאָריעס פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם וועגן דער איבערהערשאַפט פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע. דער קאַמף געגן דער געפאַר פון די דאָזיגע אָפּנויגן איז אויך אַ קאַמף געגן רעוויזיאָניזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, וואָס האָבן אַ נאָענטע קרובה'שאַפט סיי מיטן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און סיי מיט אַסימילאַציאָניזם. בלויז אין אָט־דעם אידעאָלאָגישן קאַמף וועלן מיר בויען די פּאַרטיי און איר איינפלוס צווישן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן.

13. פּאַרטיי־קאָמיסיעס איבער אידישער אַרבעט זאָלן געשאַפן ווערן אין אַלע סטעיטס מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג און אויך — אַ נאַציאָנאַלע קאָמיסיע איבער אידישער אַרבעט. די דאָזיגע קאָמיסיעס דאַרפן אָנפירן מיט דער אַרבעט פון די קאָמוניסטן אויף דער אידישער גאַס אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון די אַלגעמיינע פירנדיגע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי־קאָמיסיעס איבער אידישער אַרבעט וועלן דאַרפן רעגולער פאָרמולירן פּלענער וועגן טעטיגקייטן צו פאַרבינדן אָרגאַניש די סיסטעמאַטישע בויאונג פון דער פּאַרטיי צווישן די אידישע מאַסן (רעקרוטירונג, פּרעסע, בילדונג, א. אַז. וו.) מיט יעדער פאַזע פון אונזערע מאַסן־טעטיגקייטן און פּאָליטישע קאַמפּאַניעס און וועגן אַנטוויקלען מאַסן־טעטיגקייטן אויף דעם אידישן געביט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי.

14. קאָמוניסטן דאַרפן געבן אַקטיווע שטיצע דער „מאָרגן־פרייהייט", די טעגלעכע אַנטי־פאַשיסטישע און אַרבעטער־צייטונג. מיר מוזן שטיצן דעם אויפבוי פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אַסאָסיאיישאָן, אין איינקלאַנג מיט איר פּראָגראַם, ווי אַ ניט־פּאַרטייאישע אַנטי־פאַשיסטישע אידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אָן איר אַרבעט צווישן די אידיש־ און ענגליש־רעדנדיגע אידישע מאַסן, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט" ווי אַ פאַראייניגנדיגן פּאָליטישן צענטער פאַר די מער אויסגעהאַלטענע אידישע אַנטי־פאַשיסטישע באַוועגונגען, מיט אַ ברייטער באַזע פון אינדיווידועלער מיטגלידערשאַפט און אַ קאָמיטע־פאָרם פון אָרגאַניזאַציע.

.2

פּאַלעסטינע, ציוניזם, דער ישוב און ספּעציעלע אויפגאַבן

1. דער אָנטייל פון קאָמוניסטן אין דעם קאַמף פאַר אַנטי־פאַשיסטישער אידישער איינהייט, געגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר די דעמאָקראַטישע

רעכט פון דעם אידישן פאלק, פאר רעליף און דעם אויפבוי פון אידישן לעבן אין די באפרייטע לענדער, פאר די נאציאנאלע רעכט פון דעם ישוב אין פאלעסטינע און פאר דעם אויפבוי פון ביראבידזשאן איז געווען און איז פון גרויס וויכטיגקייט פאר דער פארטיידיגונג פון די לעבנס־וויכטיגע אינטערעסן פון די אידישע מאסן און פאר די אנטי־פאשיסטישע קאמפן פון דעם גאנצן אמעריקאנער פאלק. די דאזיגע דערגרייכונגען האבן אין א היבשער מאס פאראויסגעפירט אונזערע פאזיציעס און אונזער איינפלוס. אבער אין לויף פון די דאזיגע קאמפן זיינען באגאנגען געווארן א צאל ערנסטע טעות'ן, וואס האבן געווירקט געגן דער שטארקער באפעסטיגונג פון די אידעאלאגישע פאזיציעס פון דעם ארבעטער־קלאס און פון דער קאמוניסטישער באוועגונג.

2. די דאזיגע פעלערן האבן געפונען א באזונדערן אויסדרוק איבער די פאלגנדיגע פונקטן: בעת מיר האבן ריכטיג געשטיצט די גלייכע רעכט פון דעם ישוב אין פאלעסטינע אויף א פרייער נאציאנאלער אנטוויקלונג, האבן מיר פארפעלט צו באזירן די דאזיגע שטיצע, ספעציעל אין אונזער פראקטישער מאסן־ארבעט, אויף דעם געמיינשאפטלעכן אידיש־אראבישן אנטי־אימפעריאליסטישן קאמף פאר א זעלבשטענדיגער און דעמאקראטישער פאלעסטינע, וואס זאל פארזיכערן און באשיצן די גלייכע נאציאנאלע רעכט סיי פון דעם אידישן פאלק און סיי פון דעם אראבישן פאלק. מיר האבן פארפעלט צו ציען אלע נויטיגע שלוסן פון דעם פאקט, אז די ערשטע און פונדאמענטאלע פראבלעם פון פאלעסטינע איז צו באפרייען דאס לאנד פון בריטישער אימפעריאליסטישער אויבערהערשאפט ווי דער ערשטער באדינג פאר דער פארווירקלעכונג פון די נאציאנאלע רעכט פון די אראבער און די אידן און פאר דער פרייער נאציאנאלער אנטוויקלונג פון די צוויי פעלקער אין פאלעסטינע. דעריבער איז אונזער קאמף צו שטיצן די נאציאנאלע רעכט פון דעם ישוב אין פאלעסטינע געווארן איינזייטיג און פארקריפלט, ווי דאס איז באזונדערס קלאר פון דעם פאלשן וועג פון אונזער קאמף פאר דער אפשאפונג פון דעם ווייסן פאפיר און פאר אידישער אימיגראציע אין פאלעסטינע.

3. עס איז געווען ריכטיג און נויטיג צו שטיצן די פאדערונג פאר דער אפשאפונג פון דעם ווייסן פאפיר און פאר די רעכט פון די אידן צו אימיגרירן און זיך באזעצן אין פאלעסטינע. עס איז אבער ניט געווען ריכטיג אפצוטיילן אין דער פראקטיק די דאזיגע פאדערונגען פון דער פונדאמענטאלער פאדערונג פאר דער זעלבשטענדיגקייט פון פאלעסטינע. עס איז ניט געווען ריכטיג אוועקצושטעלן די רעכט פון אידישער אימיגראציע אין פאלעסטינע אויף וועלכער עס איז אנדער באזע ווי אלס א טייל פון דער אויפגאבע פון אלגעמיינער קאאפעראציע און פארשטענדיגונג צווישן אראבער און אידן פאר א געמיינשאפטלעכן קאמף געגן אימפעריאליזם און פאר דער זעלבשטענדיגקייט פון פאלעסטינע.

4. אן ענלעכע איינזייטיגקייט און פארקריפלונג האט כאראקטערי־

זירט אונזער באַנוצן דעם לאָזונג וועגן „אַ אידישע נאַציאָנאַלע היימלאַנד אין פּאַלעסטינע". דער דאָזיגער אַלטער, ווייט־פאַרשפּרייטער און פּאָפּו־לערער לאָזונג צווישן די אידישע מאַסן איז פאַראייגנט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, כדי צו העלפן אירע פּאָליטישע ציִלן פון פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין אַ אידישער מלוכה, אָדער „קאָמאָנוועלט", ווי דאָס איז פאָרמולירט געוואָרן אין דער אַזוי־גערופענער בילטמאָר־פּראָגראַם, און כדי צו פאַרשפּרייטן איר בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס איז באַזירט אויף דער איינשטעלונג, אַז אַ אידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע וואָלט געוועזן די נאַציאָנאַלע היים פון די אידן אין אַלע לענדער. מיר מוזן פולשטענדיג אָפּוואַרפן און באַקעמפן סיסטע־מאַטיש אָט־דעם ציוניסטישן געברויך פון דעם לאָזונג וועגן אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע. די מאַרקסיסטישע שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס דאָס איז די אויסגעהאַלטענע דעמאָקראַטישע שטעלונג, באַשטייט אויף דער גלייכהייט פון נאַציעס און וואַרפט־אָפּ אַלע לייזונגען, וואָס אונטערוואַרפן די אינטערעסן און די רעכט פון איין פאָלק צו די אינטערעסן און רעכט פון אַן אַנדער פאָלק, ווי דאָס טוט די בילט־מאָר־פּראָגראַם פאַר אַ אידישער מלוכה אָדער „קאָמאָנוועלט", ווייל זי אונטערוואַרפט די נאַציאָנאַלע רעכט און אינטערעסן פון דעם אַראַבישן פאָלק אין פּאַלעסטינע צו די רעכט און אינטערעסן פון אידישן פאָלק. אין אַ גלייכער מאָס וואַרפט־אָפּ די מאַרקסיסטישע שטעלונג די לייזונגען, וואָס ווערן פאָרגעשלאָגן פון די רעאַקציאָנערע אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע וואָלטן וועלן אונטערוואַרפן צו זיך און מקריב זיין פאַר זייערע אייגענע נוצן די נאַציאָנאַלע רעכט און אינטערעסן פון דעם אידישן פאָלק.

די מאַרקסיסטישע שטעלונג איבער דער פראַגע פון אַ אידישן נאַציאָ־נאַלן היימלאַנד אין פּאַלעסטינע איז:

ערשטנס, אַז בלויז אַ זעלבשטענדיגע פּאַלעסטינע וועט שאַפן די באַ־דינגונגען פאַר דער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון דעם ישוב, וועל־כער וועט אַזוי אַרום פאַרווירקלעכן זיינע גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט זייט ביי זייט מיט דעם אַראַבישן פאָלק, וואָס זיין פרייע נאַציאָנאַלע אַנטוויק־לונג אין אַ פאַראייניגטער פּאַלעסטינע וועט געזיכערט ווערן דורך דער גאַראַנטיע פון זיינע גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט;

צווייטנס, פאָדערט זיך דערצו אַן אַראַביש־אידישער קאַמף נעגן אַלע פּלענער וועגן צעטיילן פּאַלעסטינע, ווייל אַ צעטיילונג וואָלט געמאַכט אומ־מעגלעך אַ פרייע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון די אידן און די אַראַבער אין פּאַלעסטינע און וואָלט פאַרוואַנדלט די צעשפּליטערטע טיילן פון לאַנד אין מיליטערישע רעזערוואַציעס פון בריטישן, אַמעריקאַנער אָדער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם;

דריטנס, פאָדערט זיך דערצו אויך אַ פאַראייניגטער אידיש־אַראַבי־שער קאַמף נעגן אַלע רעאַקציאָנערע און אימפּעריאַליסטישע פּלענער וועגן שווינדלערישער „זעלבשטענדיגקייט" פון דעם מין וואָס דער ברימישער

אימפּעריאַליזם האָט דורכגעפירט אין טראַנסיאָרדאַניע (עבר־הירדן);

פערטנס, אַז די פאַרווירקלעכונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט פון דעם ישוב וועט שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר די אידן אין פאַלעסטינע. דאָס וועט ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע היים פאַר דעם אידישן פאָלק אין אַנדערע לענדער, וואָס זייער רעכט, וואוילשטאַנד און פאָרמען פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ וועלן פאַרווירקלעכט און אַנטוויקלט ווערן אין יעדן פון יענע לענדער אין איינקלאַנג מיט די קאָנקרעטע באַדינגונגען, וואָס גילטן דאָרט, און אויף דעם באַזיס פון די געמיינשאַפטלעכע קאַמפן פון זייערע פעלקער פאַר דער אויסוואָרצלונג פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר פרידן, פאַר גלייכע רעכט און פאַר סאָציאַלן פאָרשריט בכלל;

פינפטנס, אַז די ענדגילטיגע, פולשטענדיגע און פערמאַנענטע לייזונג פון דער אידישער פראַגע וועט דערגרייכט ווערן בלויז אונטערן סאָציאַליזם, אויף דעם באַזיס פון די פרינציפן, וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן דורך לענינ׳ען און סטאַלינ׳ען און אַנטוויקלט געוואָרן אין דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין אונזער אייגענעם געברויך פון דעם לאָזונג וועגן „אַ אידישן היימלאַנד אין פאַלעסטינע", כאָטש מיר האָבן דאָס ריכטיג פאַרבונדן מיט דער פאָדערונג פאַר אַ פרייער און דעמאָקראַטישער פאַלעסטינע, האָבן מיר ניט גענוג קלאָר און אויסגעהאַלטן געצויגן אַ ליניע צווישן אונזער אויפפאַסונג פון דעם לאָזונג און דער אויפפאַסונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און דערמיט האָבן מיר אָפגעשוואַכט אונזער גאַנצע פּאָזיציע.

5. אין דעם קאַמף פאַר די רעכט פון אידן צו אימיגרירן און זיך באַזעצן אין פאַלעסטינע האָבן מיר ניט אַרויסגעוויזן גענוג ווידערשטאַנד צו די שעדלעכע טעטיגקייטן פון געוויסע ציוניסטישע גרופּן, ווי אויך פון געוויסע פירנדיגע עלעמענטן פון דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע". דאָס זיינען די טעטיגקייטן, וואָס זוכן צו מאַכן פאַלעסטינע פאַר דעם איינציגן איינוואַנדערונג־פּלאַץ פאַר אידישע פליכטלינגען, וואָס דאָס שפּילט אַריין אין די הענט פון די בריטישע אימפּעריאַליסטן און זייער „געים" פון אויפרייצן אַנטאַגאָניזם צווישן די אידן און די אַראַבער, כדי צו פאַרמיידן זייער קאָאָפּעראַציע אין פאַלעסטינע.

דער באַריכט פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער קאָמיסיע, וואָס איז פונדאַמענטאַל אַ פאַרזוך צו שאַפן אַ פאַרשטענדיקונג פאַר אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער אימפּעריאַליסטישער קאָאָפּעראַציע אין פּלעסטינע אויף דעם חשבון סיי פון די אַראַבער און סיי פון די אידן, אויסשליסנדיג די „יונאַיטעד נעישאָנס" פון יענעם טייל פון דער וועלט, מיטן צוועק צו פאַרשטאַרקן די אימפּעריאַליסטישע אונטערדריקונג אין פאַלעסטינע און אין גאַנצן מיטעלן מזרח, האָט שווערער געמאַכט די פראַגע פון אידישער אימיגראַציע אין פאַלעסטינע, אַנשטאָט העלפן זי לייזן. די רעקאָמענדאַציע אַריינצולאָזן הונדערט טויזנט אידישע פליכטלינגען קיין פאַלעסטינע ווערט אויסגענוצט סיי פון דער ענגלישער און סיי פון דער אַמעריקאַנער רעגי־

רונג, כדי צו פֿאַרשטאַרקן אַראַביש־אידישע אַנטאַגאָניזמען און כדי צו פּרואוון פֿאַרשטאַרקן דאָרט זייערע אייגענע קאָנקורירנדיגע פּאָזיציעס — ענגלאַנד מיט דער אַראַבישער ליגע און אַמעריקע מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג; דערביי זוכט יעדע אימפּעריאַליסטישע מאַכט צו קריגן די שטיצע און קאָאָפּעראַציע סיי פֿון אידישע און סיי פֿון אַראַבישע רעאַקציאָנערן.

דער גורל פֿון די אידישע פּליכטלינגען אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער גייט־אָן שטאַרק דעם אידישן פֿאָלק און די דעמאָקראַטישע כחות פֿון אַלע פֿעלקער. ס'איז דעריבער נויטיג צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף פֿאַר דער פֿאָדערונג, אַז די „יונאַיטעד נעישאָנס" זאָל באַלד נעמען אויף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר די דאָזיגע פּליכטלינגען און זוכן אויסצואַרבעטן די ברייטערע מעגלעכקייטן פֿאַר דער אימיגראַציע פֿון די דאָזיגע פּליכטלינגען אין די לענדער פֿון די „יונאַיטעד נעישאָנס" און צו באַזאָרגן אַלע נויטיגע מיטלען פֿאַר אַזאַ אימיגראַציע. מיר דאַרפֿן באַזונדער פֿאָדערן די ברייטערע מעגלעכקייטן פֿאַר די אידישע פּליכטלינגען אַריינצוקומען און זיך באַזעצן אין אַמעריקע. מיר זיינען פֿאַר דעם רעכט פֿון אידן איינצוואַנדערן און זיך באַזעצן אין פּאַלעסטינע אויף דעם באַזיס פֿון אַראַביש־אידישער פֿאַרשטענדיגונג פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם דאָזיגן רעכט אונטער געמיינשאַפֿטלעכן אַראַביש־אידישן קאָנטראָל. מיר דאַרפֿן קלאָר מאַכן צו דער זעלביגער צייט, אַז די ליזונג פֿאַר די איראָפּיאישע אידן באַשטייט ניט אין דער אַזוי־גערופֿענער „יציאת איראָפּע", ווי די ציוניסטן פּריידיגן, נאָר אַז זי געפֿינט זיך אויף דעם וועג פֿון דעם דעמאָקראַטישן קאַמף פֿון פֿאָלק, מיט די אַרבעטער אָן דער שפּיץ, פֿאַר אויסוואָרצלען דעם פֿאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע, פֿאַר דער אַנטוויקלונג און קרעפֿטיגונג פֿון די נייע דעמאָקראַטיעס אין איראָפּע.

6. די דאָזיגע פֿעלערן שטאַמען הויפּטזאַכלעך פֿון ניט גענוג וואַכזאַמקייט בנוגע דעם דרוק פֿון ציוניסטישע און אַנדערע בורזשואַזנאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען און פֿון ניט גענוג ווידערשטאַנד קעגן די דאָזיגע סאָרטן דרוקן. ס'איז דעריבער נויטיג צו קאָרעגירן אונזערע פּאָליסים און ספּעציעל זייער דורכפֿירונג. מיר מוזן אַריבערגעווינען די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן, קודם־כל די אַרבעטער, פֿאַר דער מאַרקסיסטישער שטעלונג אין דער אידישער פֿראַגע אַזוי גוט ווי אין אַלע אַנדערע פֿראַגן, און מיר מוזן דאָס דערגרייכן גראָד אין דעם פּראָצעס פֿון קאַמף פֿאַר אַרבעטער־איינינגקייט און פֿאַר דער דעמאָקראַטישער איינינגקייט פֿון פֿאָלק קעגן פֿאַשיזם, רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם.

7. סומירנדיג אונזער שטעלונג צו פּאַלעסטינע דאַרפֿן מיר זאָגן:

(א) די פֿונדאַמענטאַלע אויפֿגאַבע דאָרטן איז דער געמיינשאַפֿטלעכער אידיש־אַראַבישער קאַמף צו מאַכן אַ סוף צו דער בריטישער אָדער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפֿט און מיליטערישע

אָקופּאַציע, און פאַר דער גרינדונג פון אַ זעלבשטענדיגער און דעמאָקראַטי־שער פּאַלעסטינער מלוכה פון אידן און אַראַבער, וואָס זאָל גאַראַנטירן צוגלייך די אינטערעסן און רעכט פון בײדע נאַציאָנאַליטעטן;

(ב) בלויז אין אַ זעלבשטענדיגער און דעמאָקראַטישער פּאַלעסטינע וועט דער אידישער ישוב, פּונקט ווי דאָס אַראַבישע פאָלק, קאָנען פאַר־ווירקלעכן זיינע רעכט אויף אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און זיך אַנטוויקלען ווי אַ אידישע נאַציאָנאַלע היימלאַנד פאַר די אידן אין פּאַלעסטינע אויף דעם באַזיס פון זעלבסט־רעגירונג;

(ג) אַ וויכטיגע אויפגאַבע אין קאַמף פאַר דער זעלבשטענדיגקייט פון פּאַלעסטינע איז דער געמיינשאַפטלעכער אַראַביש־אידישער קאַמף, געשטיצט דורך אַלע פּראָגרעסיווע און אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כחות, געגן די בריטישע און אַנגלאָ־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישע פּלענער צו צעטיילן פּאַלעסטינע אָדער צו מאַכן אַ שווינדלערישע „זעלבשטענדיג־קייט״־מאַנעוורע, ענלעך צו דער „זעלבשטענדיגקייט״ פון טראַנסיאָרדאַניע, באַזירט אויף דער קאָאָפּעראַציע מיטן אימפּעריאַליזם מצד די אידישע און אַראַבישע רעאַקציאָנערע כחות;

(ד) דאָס רעכט פון אידן צו אימיגרירן און זיך באַזעצן אין פּאַלעס־טינע וועט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז דורך פאַרשטענדיגונג צווישן אידן און אַראַבער וועגן דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף פאַר אַ זעלבשטענדיגער און פרייער פּאַלעסטינע פון אַראַבער און אידן; און

(ה) אַלע פּראָגרעסיווע און אַרבעטער־כחות אין אידישן לעבן דאַרפן זיך פאַראייניגן צוליב געמיינשאַפטלעכן קאַמף פאַר דער אויבן־אָנגעגעבענער פאָלקס־פּראָגראַם פאַר פּאַלעסטינע — אַ פּראָגראַם פון אַקציע פאַר ניט־ציוניסטן אַזוי גוט ווי פאַר די דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי דאָס ווערט דעמאָנסטרירט אין דעם ישוב גופא.

8. כדי צו באַגעגענען די באַלדיגע פּראַקטישע פּראָבלעמען פון דער פּאַלעסטינער סיטואַציע, פּאָדערן מיר אויף צו שטיצן די פּראָגראַם פון אַקציע,* וואָס די „מאָרגן־פרייהייט״ אַסאָסיאיישאָן האָט פאָרגעלייגט צו דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ און וואָס אַנטהאַלט די פאָלגנדיגע פאָרשלאָגן:

1. די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל באַלד אַפּעלירן צו פּרעזידענט טרומאַן און צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון די „יונאַיטעד נעישאָנס", פאַרלאַנגענ־דיג פון זיי צו רעקאָמענדירן צום זיכערקייט־קאָונסיל פון די „יונאַיטעד נעישאָנס":

א) אַז די „יונאַיטעד נעישאָנס" זאָל נעמען באַלדיגע פולע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דעם גורל און אויפהאַלט פון די 100 טויזנט אידישע פּליכטלינגען אין די דייטשע לאַגערן, און אויפצופאָדערן די לענדער פון די „יונאַיטעד נעי־שאָנס", אַז זיי זאָלן עפענען זייערע טויערן פאַר דער איינוואַנדערונג און באַ־זעצונג פון די אידישע פּליכטלינגען און צו באַזאָרגן די נויטיגע מיטלען פאַר אַט־דעם צוועק: ב) אַז ענגלאַנד זאָל באַלד טראַנספערירן פּאַלעסטינע צו דער

טראַסטישיפּ פון די „גרויסע דריי" אין די „יונאַיטעד נעישאַנס", מיטן צוועק אויפצושטעלן פּאַלעסטינע אַלס אַ זעלבשטענדיגע און דעמאָקראַטישע מלוכה פון אַראַבער און אידן, וואָס זאָל גאַראַנטירן די גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט פון ביידע פעלקער, און ג) אַז די „יונאַיטעד נעישאַנס" זאָל רעקאָמענדירן צו ענגלאַנד באַלד צוריקציען אַלע ענגלישע באַוואָפנטע כחות פון פּאַלעסטינע.

2. אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל אָרגאַניזירן און שיקן אַ דעלעגאַציע צו פּרעזידענט טרומאַן מיטן צוועק צו דערגרייכן די ברייטסטע מעג-לעכקייטן פאַר אַריינלאָזן און באַזעצן אידישע פליכטלינגען אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

3. אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל אַרויסלאָזן אַן אַפּיל צו דער אידישער אַגענטור אין פּאַלעסטינע, פאַרלאַנגענדיג, אַז דער אַגענטור זאָל באַלד אָנהויבן פאַרהאַנדלונגען מיט די וואָרט-זאָגער פון אַרבעטער און אַנדערע דעמאָקראַטישע כחות פון דעם אַראַבישן פאָלק אין פּאַלעסטינע, מיט אַן אויס-זיכט צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיגונג פאַר אַ געמיינשאַפטלעכן אַראַביש-אידישן קאַמף פאַר דער זעלבשטענדיגקייט פון פּאַלעסטינע און פאַרן צוועק פון דערגרייכן אַ פאַרשטענדיגונג צו גונסטן אידישער איינוואַנדערונג קיין פּאַלעסטינע אונטער געמיינשאַפטלעכן אַראַביש-אידישן קאָנטראָל.

4. אַז די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ זאָל זיך אונטערנעמען צו מאָבי-ליזירן די ברייטסטע פאַראייניגטע אַקציעס פון די אַמעריקאַנער אידן אין צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע פּראָגרעסיווע כחות פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנישן פאָלק, באַזונדערס מיט דער אַרבעטערשאַפט און מיטן נעגער-פאָלק אין דער אונטער-שטיצונג פון די אויבן-אויסגערעכנטע פאָרשלאַגן.

9. בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישער דרוק האָט באַפאַרבט און פאַר־קריפּלט אַנדערע פאַזן פון אונזער אַרבעט אין די דעמאָקראַטישע איינִיג־קייט־באַוועגונגען פון די אַמעריקאַנער אידן — אין אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אין דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, א. אַז. וו. אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן קודם־כל מיט ניט גענוג ווידערשטאַנד צו ציוניס־טישע איינפלוסן, מיט פאַרפעלן אין אַ סך פאַלן צו פאָרברענגען אונזער זעלבשטענדיגע פּאָזיציע און מיט ניט קעמפן גענוג פאַר די מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס און אידעאָלאָגיע, ספּעציעל פאַר דער פירנדיגער ראָלע פון די אידישע אַרבעטער אין די אידישע פאָלקס־באַוועגונגען.

10. אויך האָבן מיר ניט באַקעמפט ווירקזאַם דעם דרוק פון בור־זשואַזן אַסימילאַציאָניזם, וועלכער איז אַן אָפּשפּיגלונג פון די טעאָריעס פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם וועגן דער אויבערהערשאַפט פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע. דער אַסימילאַטאָרישער דרוק שטערט נאָכאַנאַנד די אידישע אַרבעט פון דער פּאַרטיי, שפּייזט נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן ווי אַן עקסטרעמע און פאַלשע דערווידערונג צום אַסימילאַציאָניזם און איז פאַראַנטוואָרטלעך אין אַ גרויסער מאָס פאַר דעם פאַקט, וואָס פונדאַמענטאַל־וויכטיגע טיילן פון פּראָגרעסיווע אידישע טרעיד־יוניאָניסטן באַטייליגן זיך אינגאַנצן ניט אין דעם קאַמף פון די פּראָגרעסיווע אידישע פאָלקס־באַוועגונגען, אָדער זיי באַטייליגן זיך אונטער דער פירערשאַפט פון בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן. אין ביידע פאַלן פירט עס דערצו, אַז דאָס

פעלד זאָל איבערגעלאָזט ווערן צו די רעאַקציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון דער „פאָרווערטס״־דובינסקי גרופּע, וואָס באַהערשט דעם אידישן ארבעטער־קאָמיטעט.

11. דער בראָודער־רעוויזיאָניזם, אַריינגערעכנט די פאַלשע טעאָריע, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע איז בלויז און אויסשליסלעך אַן אימפּאָרטירטער אַרטיקל פון לענדער אונטער פאַשיסטישער הערשאַפט, האָט נאַטירלעכערווייז געהאַט די טענדענץ צו פאַרלייכטערן דעם וואוקס פון ביידע אַפּנייגערישע טענדענצן. צוגרייטנדיג דעם וועג פאַר דער אידעאָלאָגישער אונטעראָכונג פון די מאַסן צום אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, האָט דער רעוויזיאָניזם אויפגעעפנט דעם וועג פאַר אַלע בורזשואַזע אידעאָלאָגישע איינפלוסן — פאַר דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם און בורזשואַזן אַסימילאַציאָניזם. עס מוז דעריבער געפירט ווערן אַן אַנטשלאָסענער קאַמף צו באַפרייען אונזער אַרבעט פון אַלע רעשטלעך פון דעם בראָודער־רעוויזיאָניזם און בייצוקומען ביידע בורזשואַזע אַפּנייגערישע טענדענצן.

.3

אונזער אַרבעט אין דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע

1. די פּאַרטיי באַטראַכט ניט קאָמוניסטישע אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן אין אַמעריקע ווי „שפּראַך־אַרבעט״ אין אַ שמאָלן זין, ווייל אונזער אַרבעט דאַרף אָנגעפירט ווערן ניט בלויז אויף אידיש, נאָר אויך אויף ענגליש. די פאַקטן זיינען, ערשטנס, אַז וויכטיגע טיילן פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, באַזונדער — גרויסע טיילן פון די אידישע אַרבעטער, באַטראַכטן אידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך און גיבן דער אידישער שפּראַך דאָס ערשטע אָרט אין פּאָליטישן און קולטורעלן פאַרקער; און, צווייטנס, אַז געבוירטיגע, ענגליש־רעדנדיגע אידן שפּילן אַלץ אַ גרעסערע ראָלע, אין געוויסע ערטער — די פירנדיגע ראָל אין דעם לעבן און אין די קאַמפן פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע.

2. דעריבער באַטראַכט די פּאַרטיי קאָמוניסטישע אַרבעט אין דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע ווי דעם מאַרקסיסטישן ענטפער אויף די ספּעציעלע באַדערפענישן, פּראָבלעמען און אינטערעסן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע. די פּאַרטיי דערקלערט, אַז ס'איז פאַראַן אַ מאַרקסיסטישער, אַ קאָמוניסטישער ענטפער אויף די ספּעציעלע באַדערפענישן און פּראָבלעמען פון דער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע און אַז מיר דאַרפן באַקעמפן די פאַרזוכן פון דער בורזשואַזיע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו שאַפן אַ מאָנאָפּאָליע פאַר זיך אין דעם לעבן פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע. דאָס

ליגט ארויף א גרויסע פאראנטוואָרטלעכקייט אויף אידישע קאָמוניסטן און אויף דער פּארטיי בכלל צו פארשטארקן אונזער ארבעט און אונזערע פאַרבינדונגען מיט די אידישע מאסן. קאָמוניסטן און זייערע פאַרבינדעטע קאָנען און מוזן ווערן די אָנערקענטע פירער פון די מאסן, — די ארבעטער, פארמער, פּראָפעסיאָנאַלן, קליינע געשעפטסלייט — אין דער נאַציאָנאַלי־טעט־גרופּע.

3. עס איז געוואָרן קלאָר, אז די אידישע נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, צוגלייך מיט אנדערע אמעריקאַנער נאַציאָנאַליטעט־גרופּן, באזיצט א רע־לאַטיווע סטאַבּיליטעט און אינערלעכע לעבנס־קראפט, וואָס פאָדערט, אז די קאָמוניסטישע פּארטיי זאָל באזאָרגן מאַקסיסטישע פירערשאפט פאר אירע באדערפענישן און פּראָבלעמען ווי א נאַציאָנאַליטעט־גרופּע. דאָס ווידערשפּרעכט ניט דעם לעניניסטישן פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּאָליטישער אייניגקייט פון דעם ארבעטער־קלאַס. דער דאָזיגער פּרינציפּ איז פארקערפּערט דירעקט אין דער אוואַנגארד־פּארטיי פונעם ארבעטער־קלאַס — די קאָמוניסטישע פּארטיי — און ביז א געוויסער שטופּע אויך אין אַנדערע פּראָגרעסיווע פּאָליטישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אין די טרעיד־יוניאָנס. דעריבער קאָנען מיר ניט האָבן קיין באזונדערע נאַציאָ־נאַלע גרופּע פון קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אָדער טרעיד־יוניאָנס. אָבער מאסן־אָרגאַניזאַציעס פון א פּראַטערנאַלן, קולטורעלן אָדער רעליף־כאראקטער, אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען ארויסגערופן געוואָרן צום לעבן, כדי באגעגענען די ספּעציעלע באדערפענישן און פּראָבלעמען פון א נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, קענען פונקציאָנירן אויף דעם ווירקזאמסטן און בעסטן אופן, ווען זיי זיינען אָרגאַניזירט ווי נאַציאָנאַליטעט־גרופּן אין כאראַקטער, באשטאַנד און פירערשאפט, פאראייניגט אין א סך פאַלן מיט אַנדערע ענלעך־אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַליטעט־גרופּן; אין אזוינע אָר־גאַניזאַציעס קאָן די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אייניגקייט פון דעם אמעריקאַנער ארבעטער־קלאַס געזיכערט ווערן, און זי ווערט טאַקע גע־זיכערט, דורך זיין אוואַנגארד, דורך דער ארבעט פון די קאָמוניסטן.

4. די דערפארונג האָט באוויזן, אז קאָמוניסטישע פירערשאפט אין דעם לעבן פון די מאסן פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע מאַכט מעגלעך די אַנטוויקלונג פון מארקסיסטישע ענטפערס אויף די פּראָבלעמען פון דערגרייכן א פולשטענדיגע פאַרגאַנצונג (אינטעגראַציע) מיט דעם אַל־געמיינעם אמעריקאַנער לעבן, אין קאָנטראַסט צו די ענטפערס, וואָס די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן, בורזשואַזע אסימילאַטאָרס און סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן גיבן אויף די דאָזיגע פּראָבלעמען. דער מארקסיסטישער ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון פאַרגאַנצונג (אינטעגראַציע) איז באזירט אויף דעם אָביעקטיוון פאַקט, אז די אידישע נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, ווי אַנדערע נאַציאָנאַליטעט־גרופּן אין אמעריקע, איז א פּראָגרעסיווער עלעמענט אין דער דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונג פון דער אמעריקאַנער נאַציע. דער פּראָ־גרעסיווער וואוקס פון דער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע ווייזט זיך ארויס צו זיין

אַ נויטיגע שטופּע אין דער ריכטונג פון פּריוויליגער און פולשטענדיגער פאַרגאַנצונג פון אַלע באַשטאַנד־עלעמענטן פון דער אַמעריקאַנער נאַציע. די געשיכטע פון אונזער לאַנד, פון זיין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סטרוקטור; דער אָפּשטאַם פון אונזער פאָלק פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן און קולטור־שיכטן; דער היסטאָרישער פּראָצעס פון ווידערשטאַנד געגן דער שטייפער שטעלונג פון די אַנגלאָ־זאַקסישע הערשנדיגע קלאַסן צו האַלטן די מאַסן פון אַנדערע נאַציאָנאַלע אָפּשטאַמונגען אין אַ פּאָזיציע פון אַלגעמיינער מינדערוויכטיגקייט (אינפעריאָריטעט) — עקאָנאָמיש, פּאָ־ליטיש, סאָציאַל — און צו האַלטן זיי אין אידעאָלאָגישער און קולטורעלער אונטערדריקונג דורך אַלערליי סאָרטן דרוק און געצוואונגענער אַסימי־לאַציע; דער פאַרשטאַרקטער פּאָליטישער און קולטורעלער פאַרקער צווישן די אַמעריקאַנער מאַסן און די דעמאָקראַטישע כחות פון די לענדער און פעלקער פון זייער אָפּשטאַם, — די אַלע עלעמענטן האָבן געווירקט צוזאַמען אויף צו אַנטוויקלען די נאַציאָנאַליטעט־גרופּע אין אַמעריקע ווי אַ פּראָגרעסיווע שטופּע אין דעם וואוקס פון דער אַמעריקאַנער נאַציע. עס וועט זיין נויטיג פאַר מאַרקסיסטן דורכצומאַכן אַ גרינדלעכן שטודיום פון די קאָנקרעטע וועגן פון דעם וואוקס פון די נאַציאָנאַליטעט־גרופּן און די פּערספּעקטיוון פון זייער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג.

5. דער אידישער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם זוכט צו פאַראייביגן אַ נאַציאָנאַלע אידענטיטעט אַרום דעם ציוניזם און אַרום אַ אידי־שער מלוכה אין פּאַלעסטינע, אָננעמענדיג גלייכצייטיג געצוואונגענע און מעכאַנישע אַסימילאַציע פון אַמעריקאַנער אידן אין אַלע הינזיכטן, אויסער רעליגיע. געגנאיבער דער דאָזיגער שטעלונג מוזן קאָמוניסטן פירן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן צום אויפבוי פון פּראָגרעסיוון לעבן פון דער אידישער נאַציאָנאַלער גרופּע — קולטורעל, סאָציאַל און אין באַציאונגען מיט די אידן פון אַנדערע לענדער, ספּעציעל מיט די אידן פון ביראָ־בידזשאַן און מיט די סאָוועטישע אידן בכלל. דערביי מוזן מיר באַקעמפן יעדע טענדענץ אין דער ריכטונג פון אָפּזונדערונג און איזאָלאַציע, קעמפנ־דיג פאַר דער פולער גלייכהייט פון די אידישע מאַסן צו ווערן פריי און פולשטענדיג אינטעגרירט אין אַלע פאַזן פון אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן און צו באַטייליגן זיך אַקטיוו אין בויען די אַמעריקאַנער נאַציע און ברענגענדיג אַזוי אַרום די אידישע מאַסן אַלץ נענטער צו דער אַרבעט־טער־באַוועגונג און צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס פאָדערט, אַז די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זאָלן אין זייער אייגענעם נאָמען אָנפירן סיסטע־מאַטישע אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן.

6. דער אידישער בורזשואַזער אַסימילאַציאָניזם, וואָס האָט אויך געהאַט זיין איינפלוס אין די רייען פון דער פּאַרטיי, זוכט אַרויפ־צוצווינגען אויף די אידישע מאַסן די אימפּעריאַליסטישע אידעאָלאָגיע פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסן־סופּעריאָריטעט, באַקעמפנדיג ניט בלויז דעם ציוניזם, נאָר אויך דעם אויפבוי פון אַ פּראָגרעסיוון אידישן לעבן

בכלל און זוכנדיג צו רעדוצירן די אידישע נאציאנאליטעט־גרופּע צו א רעליגיעזער געמיינדע. געגנאיבער דער דאזיגער שטעלונג מוזן די קאמוניסטן קעמפן פאר פולשטענדיגער און ווירקזאמער גלייכבארעכטיגונג פון אלע נאציאנאליטעט־גרופּן ווי דער ערשטער פארבאדינג פאר זייער פרייער און פולשטענדיגער אינטעגראציע אין דעם אלגעמיינעם אמעריקאנער לעבן, דעמאסקירנדיג דערביי דעם רעאקציאנערן און אימפּעריאליסטישן כאראקטער פון געצוואונגענעם בורזשואזן אסימילאציאניזם און קעמפנדיג פאר די רעכט פון די נאציאנאליטעט־גרופּן צו אנטוויקלען א פּראגרעסיוו לעבן פון א נאציאנאליטעט־גרופּע ווי דער איינציגער דעמאקראטישער וועג צו דעם היסטארישן ענדציל פון אינטעגרירט ווערן אין דעם אלגעמיינעם אמעריקאנער לעבן. מיר דארפן נאכאנאנד דעמאסקירן און באקעמפן די רעאקציאנערע אידישע סאציאל־דעמאקראטן ניט בלויז ווי אגענטן פון אמעריקאנער אימפּעריאליזם אין דער ארבעטער־באוועגונג, נאר אויך ווי די דירעקטע פארבינדעטע פון די אידישע בורזשואזע אסימילאטארס און רעאקציאנערע נאציאנאליסטן; ניט בלויז ווי פאררעטער געגן די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאס און פון אמעריקאנער פאלק בכלל, נאר אויך ווי פאררעטער געגן אידישן פאלק.

7. דער קאמף פאר א פּראגרעסיווער, אנטי־פאשיסטישער פאלקס־ און מאסן־קולטור איז איינער פון די גרונט־עלעמענטן פון דעם קאמף געגן בורזשואזן נאציאנאליזם און אסימילאציאניזם אין דער אמעריקאנער אידישער נאציאנאליטעט־גרופּע. דורך איינשטעלן און אנטוויקלען נאענטע קולטור־פארהעלטענישן צווישן אמעריקאנער אידן און סאוועטישע אידן, וועלכע זיינען די פירער אויף דעם געביט פון אידישער קולטור, קאן מען באווייכערן דאס אמעריקאנער אידישע קולטור־לעבן מיט א פּראגרעסיוון און אויסגעהאלטענעם אנטי־פאשיסטישן אינהאלט, וואס זאל סטימולירן דעם וואוקס פון א פּראגרעסיווער אידישער קולטור אין אמעריקע און אפּשפּיגלען די שטרעבונגען פון דעם ארבעטער־קלאס און זיין היסטארישע פירנדיגע ראלע אין די באפרייאונגס־באוועגונגען פון פאלק. מיר דארפן אנפירן דעם קאמף פאר אזא קולטור, כדי צו באקעמפן די פארזוכן פון דעם בורזשואזן נאציאנאליזם צו באשרענקען דאס אידישע קולטור־לעבן אין אמעריקע צו די פּראדוקטן פון דער פאלעסטינער העברייאישער קולטור, פון וועלכע די רייכע און געבילדעטע גרופּן זאלן הנאה האבן, אזוי גוט ווי די פארזוכן פון בורזשואזן אסימילאציאניזם אינגאנצן אפּצושניידן די אמעריקאנער אידן פון אויסלעבן זיך אין א פּראגרעסיווער אידישער מאסן־קולטור און צוצובינדן צו דער אזוי־גערופענער העכערער אנגלא־זאקסישער קולטור די מער געבילדעטע און רייכע גרופּן צווישן די אמעריקאנער אידן. ביידע בורזשואזע שטעלונגען, די נאציאנאליסטישע און די אסימילאטארישע, וואלטן וועלן רעזערווירן קולטור פאר געקליבענע גרופּן פון די העכערע קרייזן. קאמוניסטן דארפן קעמפן פאר דער קולטורעלער זעלבסט־טעטיגקייט און געברויך פון די מאסן, פאר א פאלקס־

קולטור, פֿאַר אַ פּראָגרעסיווער אידישער מאַסן־קולטור אין דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, פּונקט ווי מיר קעמפֿן פֿאַר אַ פּראָגרעסיווער מאַסן־קולטור פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק בכלל. די דעמאָקראַטישע כחות פֿון דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע האָבן די היסטאָרישע אויפֿגאַבע צו פֿאַרשפּרייטן און בויען סיי די פּראָגרעסיווע קולטור פֿון דעם אידישן פֿאָלק און העלפֿן בויען פּראָגרעסיווע קולטור פֿון דער אַמעריקאַנער נאַציע. אין פֿאַרבינדונג דערמיט באַטאָנען מיר באַזונדערס די נויטיקייט צו שטיצן דעם אויפֿבוי פֿון דעם צוויי־שפּראַכיגן אינסטיטוט פֿאַר אידישער בילדונג.

8. די פֿראַגע פֿון שפּראַך אין דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, ווי אין אַנדערע, דאַרף געלייזט ווערן אויף דעם דאָזיגן באַזיס. אַמעריקאַנער אידן באַנוצן אָדער די ענגלישע שפּראַך אָדער די אידישע. אַ גרויסע צאָל איז צוויי־שפּראַכיג. דעריבער דאַרף אונזער אַרבעט אָנגעפֿירט ווערן אויף די דאָזיגע צוויי שפּראַכן, און קאָמוניסטישע אַקטיוון און פֿירער אין דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע מוזן זיך שטעלן די אויפֿגאַבע צו קאָנען באַנוצן ביידע שפּראַכן. אין דעם קומענדיגן פּעריאָד דאַרפֿן מיר זיך קאָנצענטרירן באַזונדער אויף בייקומען די ביז־איצטיגע פֿאַרנאַכלעסיגונג פֿון אידישער אַרבעט אויף דער ענגלישער שפּראַך, דערהויבנדיג די דאָזיגע אַרבעט צו איר נויטיגער הויך און וויכטיגקייט, אָן וועלכער ס'איז אָפּשוואַכונג פֿון אונזער אַרבעט אויף אידיש און אַנטוויקלענדיג די נאָענטסטע און אָרגאַנישע קאָאָפּעראַציע צווישן די צוויי־שפּראַכיגע טעטיגקייטן אויף דעם געביט פֿון אידישער אַרבעט. מיר פֿאָדערן־אויף צו געבן די אַקטיווסטע שטיצע פֿאַר דעם נייעם אַנטי־פֿאַשיסטישן חודש־זשורנאַל „דזשואיש לאַיף", אַרויסגעגעבן דורך דער „מאָרגן־פֿרייהייט" אַסאָסיאיישאָן. צו דער זעלביגער צייט מוזן מיר ענערגיש באַקעמפֿן די טענדענץ צו אונטערשאַצן די אַרבעט אויף ענגליש אַזוי גוט ווי די טענדענץ צו פֿאַרמינערן די וויכטיגקייט פֿון דער אַרבעט אויף אידיש, ווייל ביידע טענדענצן זיינען שעדלעך פֿאַר דער פּאַרטיי־אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן.

9. ביים באַטראַכטן די רעלאַטיווע פּאָזיציעס פֿון אידיש און ענגליש אין דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע, מוז דאָס פֿאָלגנדיגע גענומען ווערן אין באַטראַכט: (א) סיי דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם און סיי דער אַסימילאַציאָניזם באַקעמפֿן די אַנטוויקלונג און קולטיווירונג פֿון דער אידישער שפּראַך; (ב) דער וואוקס פֿון נאָענטע פֿאַרהעלטענישן צווישן די אַמעריקאַנער אידן מיט די סאָוועטישע אידן, ספּעציעל דער וואוקס פֿון בירָאָבידזשאַן ווי אַ סאָציאַליסטיש היימלאַנד פֿאַר אַ זיך־אַנטוויקלענדיגער אידישער נאַציאָנאַליטעט אין אַ סיסטעם פֿון סאָוועט־רעפּובליקן, אַזוי גוט ווי די קולטור־פֿאַרהעלטענישן מיט די אידישע ישובים אין די נייע דעמאָקראַטיעס פֿון אייראָפּע, פֿאַרשטאַרקן אַ סך די פּאָזיציעס פֿון אידיש אין דער אַמעריקאַנער אידישער נאַציאָנאַליטעט־גרופּע; (ג) בעת

וויכטיגע טיילן פון אמעריקאנער אידן האלטן־אן אידיש ווי זייער הויפּט־שפּראך אין געזעלשאפטלעכן און קולטור־לעבן, ווירקן די אביעקטיווע פּראצעסן פון אינטעגראציע נאכאנאנד צו אונטערגראבן די פּאזיציעס פון אידיש און שאפן די טענדענץ צו מאכן די ענגלישע שפּראך פאר דער דאמינירנדיגער שפּראך אין דעם אלגעמיינעם עקאנאמישן און פּאליטישן פארקער, אזוי אז צוויי־שפּראכיגקייט ווערט אן אויסגעשפּראכענער שטריך פון דער אידישער נאציאנאליטעט־גרופּע.

דער אויספיר מוז דעריבער געמאכט ווערן, אז די אידישע שפּראך, וואס היסטאריש איז זי די געמיינשאפטלעכע שפּראך און דער הויפּט־מיטל אין אונזער צייט פאר דעם קולטור־פארקער צווישן דער מערהייט אידן אין פארשיידענע לענדער, וועט ווייטער שפּילן א גרויסע און פאר א געוויסער צייט אן אנטשיידנדיגע ראלע אין דעם קאמף פאר א פּראגרעסיווער אידישער מאסן־קולטור אין אמעריקע. נאר צו דער זעלביגער צייט וועט אן אלץ־וואקסנדיגער טייל פון אמעריקאנער אידן געפינען פּראגרעסיוון אידיש־קולטורעלן אויסדרוק אויף ענגליש, מיט אן אלץ גרעסערער צאל, וואס וועלן דאס געפינען אויףביידע שפּראכן. דעריבער איז די פארשפּרייטונג און קולטיווירונג פון דער אידישער שפּראך צווישן די מאסן פון אמעריקאנער אידן ניט אפּצוטיילן פון דעם קאמף פאר א פּראגרעסיווער אידישער מאסן־קולטור אין אמעריקע, זייט ביי זייט מיט קאנצענטרירטע באמיאונגען צו שאפן און פארשפּרייטן אויף ענגליש פּראגרעסיווע אידישע קולטור־ווערטן, גלייכצייטיג מאכן צוגענגלעך פאר די ענגליש־רעדנדיגע אידן די אוצרות פון דער קולטור פון אידישן פאלק, וואס איז פארקערפּערט אין דער אידישער שפּראך.

10. עס איז די אויפגאבע פון קאמוניסטן צו געפינען און פאר־ברענגען דעם מארקסיסטישן ענטפער אויף די באדערפעניִשן און פּראב־לעמען פון אידישן פאלק ווי א פאלק. לויט דער לעניניסטישער פּאזיציע, איז דאס א פאלק, וואס האט בלויז זיין נאציאנאלן כאראקטער און קול־טור ווי געמיינשאפטלעכע נאציאנאלע אטריבוטן. דעריבער איז דאס ניט קיין איין נאציע און קאן ניט פונקציאנירן ווי אזעלכע. אבער די אידן פון אלע לענדער קאנען אין דעם איצטיגן פּעריאד קעמפן ווי א פאלק, אין אן איינהייט פון דעמאקראטישע כחות, פאר דער אויסוואָרצלונג פון פאשיזם און אנטיסעמיטיזם, פאר גלייכבארעכטיגונג, פאר א פּראגרעסיווער אידי־שער מאסן־קולטור, פאר דער רעהאביליטאציע און אויפבוי פון אידישן לעבן אין די באפרייטע לענדער, פאר העלפן אין דער פרייער נאציאנאלער אנטוויקלונג פון דעם ישוב אין א זעלבשטענדיגער פּאלעסטינער מלוכה פון אראבער און אידן און פאר העלפן אויפבויען די אידישע אויטאנאמע געגנט אין ביראבידזשאן.

בעת זיי באטייליגן זיך אקטיוו אין די פאראייניגטע אנטי־פאשיס־טישע טעטיגקייטן פון אידישן פאלק אין אלע לענדער, האבן די פּראג־רעסיווע כחות פון דער אמעריקאנער אידישער נאציאנאליטעט־גרופּע,

קודם כל — די אידישע אַרבעטער און ספּעציעל די קאָמוניסטן, די היסטאָרישע אויפגאַבע צו ווערן אַלץ אַ מער אינטימער און אָרגאַנישער טייל פון די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען פון אַמעריקאַנער פאָלק בכלל, צו אַנטוויקלען די אַרבעטער־דעמאָקראַטישע קאָאַליציע, כדי אָפּצושטעלן און באַזיגן די רעאַקציאָנערע אימפּעריאַליסטישע אָפּענסיווע פון די מאָנאָפּאָליעס. בלויז אַזוי אַרום וועלן די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן קאָנען מאַכן אַ ווירקזאַמען בייטראָג צום פּאָרשריט און וואוילשטאַנד פון די אידישע מאַסן אין אַלע לענדער.

11. קאָמוניסטן דאַרפן סיסטעמאַטיש פּאָפּולאַריזירן צווישן די מאַסן די מאַרקסיסטישע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער פראַגע בכלל און פון דער אידישער פראַגע בפרט, פאָרמולירט דורך לענינ'ען און סטאַלינ'ען, ווי די איינציגע פולשטענדיגע און ענדגילטיגע לייזונג, וואָס ווערט מעגלעך בלויז מיט דער אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון קלאַסן און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און מיט דער איינפירונג פון סאָציאַליזם.